NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12789

R.M.R.

Arkadii Petrovich Gaider

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

א. גײַדאַר

רמר

פֿאַרלאַג „עמעס“, מאָסקװע 1938

א. גײַדאַר

ר.מ.ר.

פֿאַרלאַג „עמעס", מאָסקװע 1938

ייִדיש — ש. ראָסין

1

פריִער פלעגנ קינדער אַרײַנלויפנ אַהער װענ־ניט־װענ אַרומצוקריכנ און אַרומצוטראָגנ זיכ דאָ צװישנ די אײַנגעהױקערטע און האַלב־כאָרעװע שטאַלנ. דאָ איז געװענ גוט.

אַמאָל, װענ די דײַטשנ האָבנ פאַרכאַפּט אוקראַינע, פלעגנ זײ אַהער ברענגענ הײ און שטרוי. אָבער די רויטע האָבנ פאַרטריבנ די דײַטשנ, די הײַדאַמאַקעס װידער האָבנ פאַרטריבנ די רויטע, די פּעטליוראָװצעס האָבנ פאַרטריבנ די הײַדאַמאַקעס, די פּעטליוראָװצעס האָט נאָכ װער פאַרטריבנ, און דאָס הײ איז געבליבנ ליגנ אינ שטאַל־װינקלענ און אינ האַלב־צע־פוילטע קופּעס.

און זינט דער אַטאַמאַנ קריװאָלאָב, אָט דער זעלבער מאַקס, בײַ װעלכנ די געל־בלויע סטענגע האָט זיכ געצויגנ איבער דער גאַנצער פאַ־פאַבע, — זינט דער דאָזיקער קריװאָלאָב האָט דאָ צעשאָסנ פיר מאָסקאַלעס און אײנ אוקראַינער, האָבנ די קינדער פאַרלאָרנ דעם גאַנצנ כײשעק אַרומצוקריכנ און זיכ אויסצובאַהאַלטנ אינ די רײצנדיקע לאַבירינטנ. און די שװאַרצע שטאַלנ זײַנענ געבליבנ שטײנ שװײַגנדיקע און פאַרהאָרקעטע.

בלויז דימקע פלעגט נאָכ אָפט קומענ אַהער צו לויפנ, װײַל דאָ האָט עפּעס באַזונדערס גוט געװאַרעמט די זונ, עס האָט מעכײַעדיק געשמעקט די װיס־ביטערע פאָלינ און די בינענ האָבנ רויִק געזשומעט איבער די העל־רויטע קעפּלעכ פונ די ברייט־צעװאַקסענע קלעקע.

און די דערהאַרגעטע?.. זײַנענ זײ דאָכ שוינ לאַנג דאָ ניטאָ! מע האָט זײ אַרײַנגעװאָרפנ אינ אײנ גרוב און פאַרשאָטנ מיט ערד. און דער אַלי־

טער בעסלער אודיי, דער, פאר וועמענ טאָפּ אונ די איבעריקע קליינע כעזרע האָבנ מוירע, האָט אופּגעמייַסטרעוועט פונ צוויי שטעקלעכ א פעסטנ ציילעמ אונ האָט אימ שטילינקערהייט אוועקגעשטעלט אפנ קיווער. קיינער האָט דאָס ניט געזענ, אונ דימקע האָט יאָ געזענ. געזענ, אָבער קיינעמ ניט דערציילט.

אינ א פארבאָרגנ ווינקעלע האָט זיכ דימקע אָפּגעשטעלט אונ האָט זיכ אופּמערקזאמ ארומגעקוקט. ניט באמערקט קיינ זאכ, וואָס זאָל ארויסרופנ כשאד, האָט ער זיכ א גראָב געטאָנ אינעמ שטרוי אונ האָט ארויסגעשלעפּט פונ דאָרטנ צוויי פּאטראָנענ־ראמענ, א שאָמפּאָל פונ א ביקס אונ א פּאר זשאווערטנ עסטרייַכישנ באגנעט אָנ א שייד.

פונ אָנהייב האָט זיכ דימקע פארשטעלט פאר אנ ארויסשפּירער, דאָס הייסט ער האָט ארומגעפּויזעט אפ די קני אונ אינ די קריטישע מאָמענטנ, ווענ ער האָט געהאט א גרונט צו מיינענ, אז דער סוינע איז נאָענט, פלעגט ער זיכ אויסצייענ אפ דער ערד אונ, באוועגנדיק זיכ פאָרויס מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייַט, פלעגט ער גענוי אויסשפּירנ, ווו דער סוינע געפינט זיכ. צי דאָס איז געווענ א גליקלעכער צופאל צי צוליב עפּעס אנדערש, אָבער הייַנט האָט אימ אָפּגעגאָלטנ. עס האָט זיכ אימ אייַנגעגעבנ אומבאשטראָפט זיכ צו דערנענטערנ קימאט סאמע ביז צו דעמ סוינעס קלוימערשטע פּאָסטנס. אונ פארפאָלגט פונ א האָגל שאָסנ פונ ביקסנ אונ פונ קוילנוואַרפערס, אונ טיילמאָל אפילע פונ באטארייעס, האָט ער זיכ בעשאָלעמ אומגעקערט אינ זייַנ לאגער.

אָפּהענגיק פונ די רעזולטאטנ, וואָס די אויסשפּירונג האָט געגעבנ, פלעגט ער דערנאָכ לאָזנ אינ שלאכט זייַנ קאוואלעריע אונ פלעגט זיכ מיט א ביארעמ אריַינשנייַדנ אינ דער סאמע געדיכטעניש פונ די דיסטלענ אונ קלעטנ, וואָס פלעגנ העלדיש אומקומענ. די דאָזיקע סאָנימ האָבנ ניט געוואָלט מאכנ פלייטע אפילע בא אזא ראשיקנ אָנגריפ.

דימקע שעצט העלדישקייַט אונ דעריבער נעמט ער די איבערגעבליבענע אינ געפענקעניש. דערנאָכ דערלאנגט ער א קאָמאנדע, אז זיי זאָלנ זיכ אויסשטעלנ, אונ ווענדט זיכ צו די געפאנגענע מיט א צאָרנדיקער רעדע:

— קעגנ וועמענ גייט איר? קעגנ אייַער ברודער דעמ ארבעטער אונ פויער? גענעראלנ באדארפט איר, אדמיראלנ...

אָדער:

— קאָמוניע האָט זיכ אײַכ פאַרוואָלט? פרײַהײַט גלוסט זיכ אײַכ? קעגנ דער געזעצלעכער מאכט...

דאָס ווענדט זיכ פונ דעם, דעם קאָמאנדיר פונ א וועלכער ארמײ ער שטעלט פאָר אינעם געגעבענעם פאַל, ווײַל קאָמאנדעוועט פלעגט ער אמאָל מיט דער, אמאָל מיט דער אנדערער ארמײ לויט דער רײ.

ער האָט זיכ הײַנט אזוי פאַרשפּילט, אז ער האָט זיכ ארומגעקוקט ערשט דאנ, בײַט עס האָבנ זיכ צעקלונגענ די גלעקלעכ פונ דער סטאדע, וואָס האָט זיכ אומגעקערט פונ דער פּאשע. „א פײַנע מײַסע, — האָט ער א טראכט געטאָנ. — אצינד וועל איכ שוינ אויסכאפּנ פונ דער מוטער דעם ריכטיקנ כײלעק, זי קאָנ מיר נאָכ גאָר איבערלאָזנ א הונגעריקנ". אונ, באהאלטנדיק זײַנ געווער, האָט ער זיכ האסטיק געלאָזט לויפנ אהײם. לויפנ־דיק האָט ער אלצ בעקלערט, וואָס פאַר א בעסערנ ליגנ מע באקט אויס.

אָבער, צו זײַנ גרויסנ ווונדער, האָט ער קײנ כײלעק ניט געלײזט, אונ ליגנ איז אים ניט אויסגעקומענ.

די מוטער האָט אפ אים קימאט קײנ אכט ניט געלײגט, ניט געקוקט דערופ, וואָס דימקע האָט זי באגעגנט אפנ גאנעק. די באבעשי האָט גע־קלונגענ מיט די שליסלענ, זי האָט צוליב עפּעס ארויסגענומענ פונ קאָמער־אנ אלטנ רעקל אונ א פּאָר הויזנ. טאָפ האָט פלײַסיק געגראָבנ מיט א שפּענדל א גריבעלע אינ א בערגל לײם.

עמעצער האָט דימקענ א שלעפּ געטאָנ פונ הינטנ פאַר די הויזנ. ער האָט זיכ אומגעקוקט — אונ האָט דערזענ דעם קודלאטנ שמעל, וואָס האָט טרויעריק אפ אים געקוקט.

— וואָס איז, נארעלע? — האָט ער צערטלעכ א פרעג געטאָנ אונ האָט פּלוצלינג באמערקט, אז באם הינטל איז צעשפּאָלטנ מיט עפּעס די ליפּ.

— מאַם! ווער האָט עס אים? — האָט דימקע צאָרנדיק א פרעג גע־טאָנ.

— אכ, טשעפּע זיכ אָפּ! — האָט די מאמע, אָפּקערנדיק זיכ, מיט פאַר־דראָס געענטפערט. — מער האָב איכ ניט וואָס צו טאָנ, ווי נאָכקוקנ נאָכ דײַנ הונט.

אָבער דימקע האָט דערפילט, אז זי זאָגט ניט דעם עמעס.

— דאָס האָט אים דער פעטער א פּלעט געטאָן מיטן שטיוול, — האָט דערקלערט סאָפּ.

— וועלכער פעטער?

— א פעטער... א גרויער... ער זיצט בא אונדז אין כאַטע.

שילדנדיק דעם „גרויען פעטער", האָט דימקע געעפנט די טיר. אפן בעט האָט זיך געוואַלגערט אין א זעלנערישן העמד א וואָקסיקער יונג. לעבן אים אפן בענקל איז געלעגן א קאַזיאָנע גרויע שינעל.

— האַלאָווען! — האָט זיך דימקע פאַרוואונדערט. — פונוואַנען קומסטו?

— פון דאַנען, — האָט יענער קורץ אָפּגעענטפערט.

— פאַרוואָס האָסטו שמעלן צעמאַזיקט?

— וואָס פאַר א שמעל?

— מײַן הונט...

— זאָל ער ניט בילן. אניט וועל איך אים אײַנגאַנצן דעם קאָפּ אראָפּ־דרייען.

— האַלעוויי זאָל עמעצער דיר אַליין דעם קאָפּ אראָפּדרייען, — האָט דימקע מיט האַרץ א זאָג געטאָן און האָט זיך באַהאַלטן הינטערן אויוון, ווײַל האַלאָווענס האַנט האָט זיך א ציי געטאָן צום שווערן שטיוול, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אף דער ערד.

ער האָט בעשומיפן ניט געקאָנט פאַרשטיין, פונוואַנען האָט זיך אַהער גענומען האַלאָווען. ערשט דאָ ניט לאַנג האָבן אים די רויטע פאַרנומען אין סאָלדאַטן, און אָט איז ער שוין ווידער אין דער היים. עס קאָן ניט זײַן, אז די דינסט זאָל בא זיי זײַן אזא קורצע.

באַם אָנטבּרויט האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און האָט א פרעג געטאָן:

— ביסט געקומען אין אורלויב?

— אין אורלויב.

— אזוי גאָר! אף לאַנג?

— אף לאַנג.

— דו לײַגסט, האַלאָווען! — האָט דימקע זיכער א זאָג געטאָן, — ניט בא די רויטע, ניט בא די ווײַסע, ניט בא די גרינע לאָזט מען איצט אף לאַנג ניט אָפּ, ווײַל איצט איז מילכאָמע. דו ביסט, מיסטאָמע, א דעזער־טיר.

אין דער זעלבער רעגע האָט דימקע געכאַפּט א מוירעדיקן זעצ איבערן נאַקן.

— װאָס שלאָגסטו דאָס קינד? — האָט זיך איינגעשטעלט דימקעס מוטער. — געפּונען מיט װעמען זיך אָנצוהייבן.

האַלאָװען איז נאָך רויטער געװאָרן. זיין קײלעכדיקער קאָפּ מיט די סטאַרטשענדיקע אויערן האָט זיך צעשאָקלט, און ער האָט גראָב געענטפערט:

— שװייגט בעסער... פּיטערער פּראָלעטאַריער... איר װעט זיך דערװאַרטן, אַז איך װעל אייך פון שטוב אַרויסטרייבן.

דערהערנדיק דאָס, איז די מאַמע עפּעס װי איינגעשרומפּן געװאָרן און זי האָט גענומען זידלען דימקען, װעלכער האָט געשלונגען די טרערן.

— און דו, גוילעם, קריך ניט װו מע בעט דיך ניט, אַניט װעסטו נאָך מער לייזן.

נאָכן אָװנטברויט האָט זיך דימקע פאַרקליבן צו זיך אין פּידהויז, האָט זיך פאַרנורעט אין א קופּע שטרוי הינטער די קעסטלעך, האָט זיך צוגעדעקט מיט דער טויטערס פעלצל און איז לאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן. דערנאָך האָט זיך צו אים שטילינקערהייט פאַרגאַנװעט שמעל און האָט אים אויפגעלייגט דעם קאָפּ אויפן אַקסל.

— לאָמיר, מאַם, אַװעקפאָרן אין פּיטער, צום טאַטן.

— עך, דימקע! װען עס װענדט זיך אָן מיר, װאָלט איך כאָטש באַלד... אָבער װי װעסטו דורכפאָרן אַצינד? מע דאַרף האָבן פאַרשיידענע שיינען, און, אויסער דעם, װעסטו דאָך, װאָס עס טוט זיך אַרום אין אַרום.

— אין פּיטער, מאַם, איז װער?

— װער װייסט זיי! מע זאָגט, אַז די רויטע. און עפּשער איז דאָס א ליגן. מע קאָן דען היינט דערגיין א טאָלק?

דימקע האָט מאַסקים געװען, אַז עס איז שװער היינט צו דערגיין א טאָלק, דאַכט זיך, װאָס קאָן שוין זיין געענטער װי דאָס װאָלאָסט־דאָרף, פונדעסטװעגן װייסט מען אויך ניט װעמען געהערט עס. מע האָט געזאָגט, אַז די טעג האָט עס געהאַט פאַרנומען קאָזאָלופּ... און װער איז ער דער קאָזאָלופּ, צו װאָסער פאַרטיי געהערט ער?

אין דימקע האָט א פרעג געטאָן בא דער פאַרטראַכטער מוטער:

— מאם, אונ קאָזאָלופ איז א גרינער?

— כאַפּט זיי דער שלאַק אלעמענ אינײנעם! — האָט זי מיט הארצ א זאָג געטאָנ. — געווענ מענטשנ ווי מענטשנ, אונ אצינד גיי זײַ א בעריע אונ גרעפ...

אינ פירהויז איז פינצטער. דורכ דער אָפענער טיר זעט זיכ א שטיק הימל, געדיכט פארשאָטנ מיט שטערנ, אונ א שפּיצ פונ דער העלער לע־וואָנע. דימקע פארגורעט זיכ טיפער אינעם שטרוי, גרייטנדיק זיכ צו זעג די פאַרזעצונג פונ דעם אינטערעסאנטנ כאָלעם, וואָס האָט זיכ נעכטנ אָפ־געריסנ סאמע אינמיטנ. אײַנשלאָפנדיק, פילט ער, ווי דער טרײַער שמעל, וואָס האָט זיכ צו אים צוגעטוליעט, וואַרעמט אים מעכײַעדיק די פּאטי־ליצע.

אינעם בלויענ הימל זילבערנ זיכ קעגנ דער זונ די ראַנדנ פונ די וואָלקנס.

איבער די ברייטע פעלדער שפּילט דער ווינט מיט די געלע זאנגענ. אונ רויק־בלוי איז דער זומערדיקער טאָג. אומרויק זײַנענ בלויז די מענטשנ. ערגעצ הינטערנ טונקעלנ וואלד האָבנ הילכיק א קנאַל געטאָנ קרילנוואַר־פערס. ערגעצ הינטערנ בארג רופנ זיכ איבער מיט א פארטויבטנ ברומ הארמאטנ. אונ אינ ערגעצ האָט זיכ אוועקגעטראָגנ א קאוואלעריע־אָטריאַד.

— מאם, מיט וועמענ שלאָגט מענ זיכ דאָס?

— טשעפּע זיכ אָפ!

דימקע האָט זיכ אָפּגעטשעפּעט, ער איז אוועקגעלאָפנ צום פלויט, האָט זיכ ארופגעדראפעט אפ איינעם פונ די פלאנקנס אונ האָט לאנג באגליים מיטנ בליק די פארשווינדנדיקע רײַטער.

— אָט דאָס איז א לעבנ!

האָלאָוועג איז דערהײַל ארומגעגאנגענ א בייזער. יעדעס מאָל, ווענ דורכנ דערפל איז דורכגעגאנגענ א רויטער אָטריאַד, פלעגט ער זיכ ערגעצ אויסבאהאלטנ. אונ דימקע האָט פארשטאנענ, אז האָלאָוועג איז א ״עזער־טיר״.

איינמאָל האָט די באבעשי געשיקט דימקענ אָפטראָגנ האָלאָוועגנ אינ הויי־שפּײַכלער א שטיק כאַזער אונ א לוסטע ברויט. קריכנדיק צום פארבאַר־

יענעמ ווינקל, האט דימקע באמערקט, אז האָלאָווענ, וואס איז געזעסנ נעבנ אים מיט דער פלייצע, מיסטעריעזע עפעס. „א ביקס! — האט זיכ דימקע פארוואונדערט. — א פײַנע מײַסע. צו וואס דארפ ער זי?"

האָלאָווענ האט זאָרגעוודיק אויסגעווישט דעמ שלאָס, פארשטעקט די רער מיט א טיכל און האט באהאלטנ די ביקס אינ היי.

א גאנצנ אָוונט און דעמ גאנצנ מאָרגעדיקנ טאָג האט דימקענ ניט געלאָזט צו רו דער פארלאנג א קוק צו טאָנ, וואס איז דאָס פאר א ביקס: „א רוסישע צי א דײַטשישע? און עפשער איז דאָרט א נאגאנ אויכ דאָ?"

גראָד צו יענער צײַט איז ארומ אלצ שטיל געוואָרנ. די רויטע האָבנ פארטריבנ קאָזאָלופנ און זײַנע אוועק ווײַטער אפ עפעס אנ אנדער פראָנט. שטיל און פוסט איז געוואָרנ אינ קלײנינקנ דערפל, און האָלאָווענ האט אָנגעהויבנ ארויסקריכנ פונ היי-שטאל און פארשווינדנ ערגעצ אפ א לאנגער צײַט. אינ אײנעמ א פארנאכט, ווענ די ראָז-געוואָרענע סאזשלקע האט זיכ צעהילכט מיט א קוואקערײַ פונ פרעש, ווענ פלינקע שוואלבעלעכ האָבנ זיכ גענומענ שלײַכנ אינ דער לופט און ווענ די פליגעלעכ האָבנ זיכ טר־מלדיק צעזשומעט, איז אָט דעמלט האט דימקע באשלאָסנ זיכ ארײַנגאנבענענ אינ היי-שטאל.

דאָס מיזל איז געווענ פארשלאָסנ אפ א שלאָס, נאָר דימקע האט געהאט אנ אײנגעגעבנ ווענ — דורכ דעמ הינער-שטאל. עס האט א סקריפע געטאָנ די טיר, עס האָבנ זיכ הויכ צעקודאכטשעט די הינער. דערשראָקנדיק זיכ פארנ טומל, וואס ער האט אָנגעמאכט, האט זיכ דימקע שנעל ארומגעכאפט אינ דער הייכ. אינעמ היי-שטאל איז געווענ הייס און שטיל. דימקע האט זיכ דערקליבנ אינ ווינקל, ווו עס האט זיכ געוואלגערט א רויטע קישנ אינ פעדערנ, און שארנדיק מיט די הענט אונטערנ דאכ, האט ער אָנגעטאפט עפעס א הארטע זאכ. „די קאָלבע!". ער האט זיכ צוגעהערט: אפנ הויפ איז קײנער ניטאָ. האט ער א צי געטאָנ און האט ארויסגעשלעפט די גאנצע ביקס. קײנ נאגאנ איז דאָרט ניט געווענ. די ביקס איז געווענ א רוסישע. דימקע האט זי לאנג געדרייט אינ די הענט, פלײַסיק באטאפט אינ ארומגעקוקט. „און ווי, אז איכ וועל עפענענ דעמ שלאָס?"

ער אַלײנ האָט קײנמאָל ניט געעפנט, ער האָט אָבער אָפט געזען, װי דאָס טוען סאָלדאטנ. האָט ער לאנגזאם א צי געטאָנ — דאָס צינגל לאָזט זיך ציִען. האָט ער עס א צי געטאָנ צו זיך ביזנ סאָפ. „איך קאָנ!“ האָט ער שטאָלצ א טראכט געטאָנ, אָבער דאָ האָט ער טײקעפ באמערקט, װי אונ-טערנ מאגאזינ-קעסטל האָט זיך ארויסגערוקט פונ ערגעצ א געלבלעכער פּא-טראָנ. דאָס האָט אים א ביסל פארכידעשט, אונ ער האָט באשלאָסנ װידער פארמאכנ. אצינד איז עס געגאנגענ שװערער, אונ דימקע האָט באמערקט, אז דער געלער פּאטראָנ רוקט זיך גלײַך אינ דער רער ארײַנ. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ניט געװוסט װאָס צו טאָנ אונ האָט אָפּגערוקט פונ זיך די ביקס.

„געזענ װוהינ ער קריכט עס, דער שעד!“

סע האָט זיך אָבער געדארפט צוײַלנ. האָט ער אָפּגעלאָזט דאָס צינגל אונ שטילינקערהײט גענומענ פארוקנ די ביקס אפ אנ אָרט. ער האָט זי שױנ געהאט קימאט אײנגאנצנ פארבאהאלטנ, װענ עס האָט זיך [illegible] אופגע-פּראלט די טיר אונ דימקע האָט סאמע לעבנ זיך דערזענ האָלאָװענס פאר-כידעשט אונ בײז פּאָנעם.

— דו, הונט, װאָס טוסטו דאָ?

— גאָרניט! — האָט דימקע דערשראָקנ געענטפערט. — איך בינ גע-שלאָפנ... — אונ ער האָט אומבאמערקבאר א רוק געטאָנ מיטנ פוס אינעם הײ די קאָלבע פונ דער ביקס. אינ דער רעגע האָט א קנאל געטאָנ א פאר-שטיקטער, אָבער א שטארקער שאָס. דימקע האָט שיר ניט אראָפּגעשלײַ-דערט האָלאָװענס פונעם לײטער, ער האָט זיך א װאָרפ געטאָנ פונ דער הײך גלײַך אפ דער ערד אונ האָט זיך געלאָזט לויפנ דורכ די גערטנער. ער איז אריבערגעשפּרונגענ אריבער דעם פּלויט לעבנ טראקט אונ איז ארײַנגעפאלנ אינ א רינװע. װענ ער האָט זיך אופגעהויבנ, האָט ער דערפילט, װי דער דערצאָרנטער האָלאָװענ האָט זיך אים אײַנגעקלאמערט אינ העמד.

„ער װעט מיך דערהארגענענ! — האָט דימקע א טראכט געטאָנ. — ניטאָ די מאמע, קײנער ניטאָ — א סאָפ“. אונ באקומענדיק א שרעקלעכנ װעצ אינ רוקנ, פונ װעלכנ עס איז אים פינצטער געװאָרנ אינ די אויגנ, האָט ער א פאל געטאָנ צו דער ערד, גרײטנדיק זיך צו באקומענ נאָכ אונ נאָכ.

אָבער... עס האָט זיך דערהערט עפּעס א טופּערײַ אפנ װעג. עס איז

דימקע האָט סאמע לעבנ זיכ רערזענ האלאָווענס מארכידעשט אונ בייז פאָנעם

עפעס פלוצעם אָפגעשוואכט געוואָרנ האָלאָוועס האנט. אונ עמעצער האָט א געשריי געטאָנ צאָרנדיק אונ באפעלעריש:

— ניט וואגנ!

אופגעעפנט די אויגנ, האָט דימקע דערזענ צוערשט פערדישע פיס — גאנצע פלויטנ פערדישע פיס.

עמעצנס מעכטיקע הענט האָבנ אים א נעמ געטאָנ פאר די אקסלענ אונ צוועקגעשטעלט אים אפ דער ערד. ערשט איצט האָט דימקע דערזענ די קאוואלעריסטנ, וואָס האָבנ אים ארומגערינגלט, אונ דעמ רײַטער אינ א שווארצנ אָנצוג מיט א רויטנ שטערנ אפ דער ברוסט, אנטקעגנ וועלכנ עס איז געשטאנענ א צעטומלטער האָלאָוועג.

— ניט וואגנ! — האָט דער אומבאקאנטער איבערגעכאזערט אונ, א קוק טוענדיק אפ דימקעס פארוויינטנ פּנעמ, האָט ער צוגעגעבנ: — וויינ ניט, יינגעלע, אונ האָב ניט קיינ מוירע. ער וועט דיכ מער ניט טשעפענ, ניט איצט, ניט שפעטער. — ער האָט א ווונק געטאָנ מיטנ קאָפּ צו איינעמ א רײַטער אונ אליינ האָט ער זיכ מיטנ אָטריאד אוועקגעטראָגנ ווײַטער.

איינער פונ די רײַטער איז פארבליבנ אונ האָט שטרענג א פרעג געטאָנ:

— ווער ביסטו?

— א היגער, — האָט האָלאָוועג אָנגעכמורעט געענטפערט.

— פארוואָס ביסטו ניט אינ דער ארמיי?

— ניט דערגאנגענ צו מײַנ יאָר.

— דײַנ פאמיליע... אפ צוריקוועגס וועלנ מיר עס דורכקאָנטראָלירנ. —

דער קאוואלעריסט האָט א זעצ געטאָנ דאָס פערד מיט די שפּאָרעס, אונ דאָס פערד האָט זיכ א לאָז געטאָנ פונ אָרט אינ גאלאָפּ.

אונ דימקע איז פארבליבנ שטיינ אפנ וועג א פארכידעשטער אונ א צעטומלטער. ער האָט א קוק געטאָנ אהינטער — ניטאָ קיינער. א קוק גע־טאָנ אפ ביידע זײַטנ — ניטאָ האָלאָוועג. א קוק געטאָנ פאָרויס אונ האָט דערזענ, — דער רויטער אָטריאד שווארצט זיכ ווי א פינטל, טראָגט זיכ אונ ווערט פארשוווּנדנ באמ פארנאכטיקנ האָריזאָנט.

2

עס האָבנ אויסגעטריקנט די טרערנ אפ די אויגנ. דער ווייטעק איז ביסלעכווייז איינגעשטילט געוואָרנ. אָבער גייג אהיים האָט דימקע מוירע גע־האט אונ האָט באשלאָסנ איבערוואַרטנ, ביזוואַנענ עס וועט ווערנ נאכט אונ אַלע וועלנ זיכ לייגנ שלאָפנ. ער האָט זיכ געלאָזט גייג צום טייַכל. באם ברעג אונטער די קוסטעס איז דאָס וואסער געווענ טונקל אונ רויִק, אינ־מיטנ האָט עס אָפגעשייַנט מיט א ראָולעכנ שימער אונ שטיל געשפילט, קייַקלענדיק זיכ איבער דער פלאכער שטיינערנער דעק.

אפ יענער זייַט טייַכ, לעבנ דעם ראנד פונעם ניקאָלסקער וואלד, האָט טונקל א פינקל געטאָנ א פלעמל פונ א שייַטער. דאָס דאָזיקע פלעמל האָט דימקענ אויסגעזעג עפעס זייער ווייַט אונ אזוי סוידעסדיק צוציִענדיק. „ווער קאָנ דאָס זייַנ? — האָט ער א טראכט געטאָנ. — עפשער פאסטעכער?.. אונ עפשער גאָר באנדיטנ! זיי קאָכנ אוואדע וועטשערע, קארטאָפל מיט כאָוער אָדער עפעס אנ אנדער געריכט...“ ער האָט שטארק געוואָלט עסנ, אונ אים האָט בעטעמעס פארדראָסנ, וואָס ער איז אצינד אויכ נית קיינ באנדיט.

אינ פארנאכטיקער טונקלקייַט האָט זיכ דאָס פלעמל צעפלאקערט אלצ העלער אונ האָט פריידיק געווונקענ צום יאטל פונדערווייַטנס. אָבער אינ דער טונקלקייַט האָט זיכ דער אומרויִקער ניקאָלסקער וואלד נאָכ טיפער אײַנגעכמורעט.

ארָאפלאָזנדיק זיכ מיט דער סטעזשקע צום ברעג, איז דימקע פלוצלינג שטיינ געבליבנ. ער האָט דערהערט עפעס וואָס אינטערעסאנטס. באם ברעג האָט עמעצ געזונגענ מיט א הויכנ מעלאָדישנ אלט, עפעס אזוי מאָדנע אונ אזוי שיינ צעקלאפנדיק די ווערטער:

כא־א־ווי־י־רים, כאווי־רים, —
זייַנ ענטפער איז געווענ, —
זאָל לע־בנ רא־סייע,
זאָל לע־בנ דער סאָוועט!

„אָט א מאזיק! געהערט א מינ זינגענ!“ — האָט דימקע אנ אנציקטער א טראכט געטאָנ אונ געלאָזט זיכ לויפנ ארָאפ־בארג.

באם ברעג טייַכ האָט ער דערזעג א קליינ דארינק ייִנגל, וואָס האָט

זיך געוואַלגערט לעבן אַ פֿאַרשמאָלצענעם רוקזאַק. דערהערנדיק דימקעס טריט, האָט ער איבערגעריסן דאָס זינגען און האָט מיט אומצופֿרידן אַ קוק געטאָן אויף דימקען.

— וואָס ווילסטו?

— גאָרנישט... גלאַט אַזוי!

— אַ־אַ! — האָט יענער אויסגעצויגן, קענטיק באַפֿרידיקט מיט זײַן ענט־פֿער. — וועסט זיך, הייסט עס, ניט שלאָגן?

— וואַ־אָס?

— שלאָגן זיך, זאָג איך... געדענק זשע! עס מאַכט ניט אויס וואָס איך בין אַ קלענערער, איך וועל דערלאַנגען אַזוי, אַז...

דימקע האָט אַפֿילו ניט געטראַכט צו שלאָגן זיך און ער האָט בײַ אים אַ פֿרעג געטאָן:

— דאָס האָסטו געזונגען?

— איך.

— און ווער ביסטו?

— איך בין — זשיגאַן, — האָט יענער שטאָלץ געענטפֿערט, — זשיגאַן פֿון שטאָט... אַזאַ צונעמעניש בײַ מיר.

אַ וואָרף געטאָן זיך האַסטיק אויף דער ערד, האָט דימקע באַמערקט ווי דאָס ייִנגל האָט זיך דערשראָקן אָפּגערוקט.

— אַ טראַנטע ביסטו, ניט קיין זשיגאַן... זשיגאַנעס ווײַנען דען אַזוי־נע?.. אָבער לידער זינגסטו פֿײַן.

— איך, ברודערל, קען אַלערליי לידער. אויף די סטאַנציעס פֿלעג איך אַלערליי זינגען אין די עשעלאָנען. אַלציינס וועמען — די רויטע, צי די פּעט־ליוראָווצעס, צי עמעצן אַנדערש... אויב פֿאַר די כאַוויירים, אַשטייגער, פֿלעג איך זינגען „אַליאָשע־שאַ“ אָדער וועגן בורזשויעס. פֿאַר די ווײַסע, פֿאַר די דאַרף מען עפּעס אַנדערש זינגען: „געווען פֿריִער קאָפּעקעס, געווען איך פּאַפּירלעך“, „פֿאַרפֿאַלן ראַסייע“, נו, און דערנאָך „יאַבלאָטשקאָ“ — דאָס קאָן מען, פֿאַרשטייט זיך, אויף בײדע זײַטן זינגען, מע דאַרף נאָר איבערשטעלן די ווערטער.

אַ ווײַלע שווײַגט מען.

— און צו וואָס ביסטו אַהער געקומען?

— די טויפמוטער מײַנע וווינט דאָ, די באַבעשי אָנופריכע. כ'האָב געוואָלט כאָטש א כוידעש זיכ אָנעסנ צו זאט. ערשט, ווער־ווו! אינ א וואָכ אָדער אינ צוויי ארום, זאָגט זי, זאָל דאָ דײַנ געביינ ניט זײַנ!

— אונ דערנאָכ וווהינ?

— ווו־ניט־איז. ווו בעסער איז.

— אָבער ווו?

— ווו? ווענ איכ וויים, וואָלט שוינ גוט געווענ! מע דארפ געפינענ.

— קום מאָרגנ אינדערפרי צום טײַכל, זשיגאנ, וועלנ מיר קרעבסנ אינ די גריבער כאַפּנ!

— וועסט ניט אָפּנארנ? כ'וועל אומבאַדינגט קומענ! — האָט זשיגאנ זייער א צופרידענער געענטפערט.

אריבערגעשפרונגענ איבערנ פלויט, האָט זיכ דימקע ארײַנגעגאנוועט אינ טונקעלנ הויפ אונ האָט דערזעענ די מוטער זיצנדיק אפנ גאנעק. ער איז צוגעגאנגענ צו איר, א צי געטאָנ זי, פארנ טיכל אונ האָט ערנסט א זאָג געטאָנ:

— דו, מאם, זידל זיכ ניט... איכ בינ אומיסטנ אזוי שפעט געקומענ, ווײַל האָלאָוועג האָט מיכ שטארק צעמיימעסט.

— ווייניק פאר דיר! — האָט די מאמע געענטפערט, אויסדרייענדיק זיכ צו אים. — געדארפט דיר נאָכ מער אײַנטיילנ.

אָבער דימקע הערט אינ אירע ווערטער אי פארדרוס, אי פארביטערטקײַט, אי ראכמאָנעס, נאָר ניט קיינ קאַס.

— מאם, — זאָגט דימקע, ארײַנקוקנדיק איר אינ פּאָנעם, — איכ בינ הונגעריק, ווי א הונט. ניט שוינ זשע האָסטו מיר גאָרניט ניט איבערגעלאָזנ?

איינמאָל איז עפּעס דימקע געקומענ צום טײַכל זייער אנ אומעטיקער.

— לאָמיר, זשיגאנ, אנטלויפנ! — האָט ער פאָרגעלייגט. — לאָמיר זיכ אָפּטראָגנ ערגעץ ווײַט פונדאנענ, אפ מײַנ וואָרט!

— אונ די מאמע וועסט דיכ אָפּלאָזנ?

— ביסט א נאר, זשיגאנ! ווענ מע אנטלויפט, פרעגט מענ בא קיינעם ניט. האָלאָוועג איז אינ קאַס, ער שלאָגט זיכ. איבער מיר טרײַבט ער די מאמענ אות טאָפּנ.

— וואָסער טאָפּ?

— מײַנ קלײנ ברודערל. ער טאָפּעט מאָדנע מיט די פּיסעלעכ, בײס ער גײט, האָבנ מיר אימ דערפאַר געגעבנ א צונעמעניש. ס'איז מיר אזוי אויכ אלצ דאָ דערווידער. נו, וואָס איז די סימכע זיצנ אינ דער היימ?

— לאָמיר אנטלויפנ! — האָט זשיגאַנ מונטער געזאָגט. — א נאָוועגע מ'ר אנטלויפנ? פונמײַנטוועגנ כאָטש שוינ. מיר וועלנ איבער די עשעלאָנעס נעדאָוועס קלײַבנ.

— ווי קלײַבט מענ?

— אָט אזוי: איכ וועל עפּעס אויסזינגענ אונ דערנאָכ זאָגנ: „צו אלע כאַווײרימ מײַנ גרוס טוט זיכ אײַלנ, עס זאָל אײַכ דער פראָנט זײַנ הוילע פארווײַלונג. ברויט איר זאָלט באַקומענ צוויי פונט אונ טאַבעק אַנ אכטל, עס זאָל אײַכ ניט שאטנ קײנ קיל אינ די שלאַכטנ". אונ דאָ, ווי נאָר מע הייבט אָנ לאַכנ, דארפ מענ טײקעפ אראָפּנעמענ דאָס היטל אונ זאָגנ: „ביר־גער! זײַט אזוי גוט, באַצאָלט פאַר דער קינדערשער פראַצע".

דימקע האָט זיכ געכידעשט, ווי לײַכט אונ זיכער זשיגאַנ זאָגט ארויס די דאָזיקע פראַזעס, אָבער אזא ארט לעבנ איז אימ ניט שטאַרק געפעלנ געוואָרנ, אונ ער האָט א זאָג געטאָנ, אז עס וואָלט פיל בעסער געוועננ, ווענ זיי טרעטנ ארײַנ אינ א וועלכנ־ניט־איז אָטריאַד אלס פרײַווילי־קע, ווענ זיי אָרגאַניזירנ אַנ אייגענעמ אָטריאַד אָדער ווענ זיי ווערנ פּאַרטיזאַנער. זשיגאַנ האָט ניט דערווידערט אונ, פאַרקערט, אפילע, בײס דימקע האָט זיכ ניט אָפּגערופנ וועגנ די רויטע, „ווײַל זיי זײַנענ פאַר דער רעוואָליוציע", האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז זשיגאַנ האָט שוינ געדינט בא די רויטע.

דימקע האָט אפ אימ א קוק געטאָנ מיט פאַרוווּנדערונג אונ האָט צו־געגעבנ, אז בא די גרינע איז אויכ ניט שלעכט, „ווײַל זיי עסנ א כאַכ נעגעדז". אויסער דעמ, איז טײקעפ פעסטגעשטעלט געוואָרנ, אז זשיגאַנ האָט געדינט אויכ בא די גרינע אונ האָט רעגולער באַקומענ זײַנ פּאָרציע, א האַלבע גאַנדז א טאָג.

דימקע האָט באַקומענ צו אימ גרויס אכטונג אונ האָט א זאָג געטאָנ, אז בעסער פאַר אלצ איז, פונדעסטוועגנ, סאָרט בא די גרינע. אָבער ווי נאָר עס האָט זיכ אויכ דאָ געטומענ עפּעס אויסקלאָרנ, האָט דימקע אָפּגע־זידלט זשיגאַנענ, אז ער איז א באַרימער אונ פּלאַפּלער, ווײַל יעדערנ איז

געווענ גוט באוויסט, אז ברוינ — איז איינער פונ די חייניקע קאָלירנ, אונטער וועלכע עס האָבנ זיכ ניט פאָרמירט קיינ אָטריאַדנ ניט בא דער רעוואָליוציע, ניט בא דער קאָנטררעוואָליוציע, ניט בא די אַלע, וואָס צווישנ זיי.

דעמ פלאַנ פונ אנטלויפנ האָבנ זיי לאַנג אונ גענוי פאנאנדערגעארבעט. זשיגאנס פאָרשלאָג צו אנטלויפנ טייקעפ, ניט ארײַנגייענדיק אפילע אהיימ, איז אנטשיידנ אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ.

— פריִער פאר אַלצ באדארפ מענ מיטנעמענ מיט זיכ ברויט כאָטש אפ די ערשטע טעג, — האָט דימקע דערקלערט. — אויב ניט, איז ווי נאָר פונ שטוב ארויס, אזוי כאָטש גיי גלײַכ איבער די שכיינימ. אונ דערנאָכ שוועבעלעכ...

— א קעסעלע וואָלט געווענ גוט מיטצונעמענ, גראָבסט אָנ קארטאָפל אינ פעלד — האָסטו דיר א ווארמעס!

דימקע האָט זיכ דערמאָנט, אז האָלאָווענ האָט מיט זיכ געבראכט א חויל קופערנ קעסעלע. די באבעשי האָט אימ אויסגעשײַערט מיט אש אונ, אז ער האָט גענומענ פינקלענ, ווי א יאָנטעוודיקער סאמאָוואר, האָט זי אימ באהאלטנ אינ קעמערל.

— עס איז אָבער פארשלאָסנ, אונ דעמ שליסל טראָגט זי מיט זיכ.

— נישקאָשע! — האָט זשיגאנ דערקלערט. — מע קאָנ דערלאנגענ פונ אונטער יעטווידנ שלאָס, מע דארפ נאָר סייכל דערצו.

מע האָט באשלאָסנ טייקעפ אָנהייבנ צוגרייטנ א זאפאס שפּײַז. באהאלטנ די זאפאסנ האָט דימקע פאָרגעלייגט אינ דעמ היי בא די שטאַלנ.

— צו וואָס בא די שטאלנ? — האָט זשיגאנ דערווידערט. — מע קאָנ ערגעצ אנדערש... צו נאָענט לעבנ די טויטע.

— אונ וואָס גייענ דיר אָנ די טויטע? — האָט דימקע כויזעקדיק א פרעג געטאָנ.

אינ דעמ זיבנ טאָג האָט דימקע געבראכט צו שלעפנ א קליינ שטיקל כאזער, אונ זשיגאנ — דרײַ שוועבעלעכ, זאָרגעוודיק פארוויקלט אינ א פאפירל.

— קיינ סאכ מיטאמאָל קאָנ מענ ניט, — האָט ער געגעבנ צו פארשטיינ. — אָנופריכע האָט אינגאנצנ צוויי קעסטעלעכ, דארפ מענ מאכנ אזוי, אז זי זאָל ניט באמערקנ.

אונ פונ דער רעגע אָנ איז ענדגילטיק באשלאָסנ געוואָרנ צו מאכנ פלייטע.

און אומעטום האָט אומרויִק געדרוישט דאָס לעבן. ערגעץ ניט ווײַט פונדאַנען האָט זיך געצויגן א גרויסער פראָנט. און נאָך נעענטער עטלעכע קלענערע, ווייניקער וויכטיקערע פראָנטן. און ארום און ארום האָבן זיך די רויטארמייער געיאָגט נאָך באנדעס, אָדער די באנדעס נאָך די רויטארמייער, אָדער די אטאמאנעס האָבן זיך געריסן צווישן זיך. שטארק איז געווען דער אטאמאן קאָזאָלופּ. אין דער ברייט פון זײַן פאראקשנטן שטערן האָט זיך פארשניטן א קנייטש, און די אויגן פון אונטער די גרוילעכע ברעמען האָבן ארויסגעקוקט שווער. א בייזער אטאמאן! כיטרע, ווי דער טײַוול, איז דער אטאמאן ליאָווקע. בא אים לאכט אפילע דאָס פערד, שטשירענדיק די חײַסע ציין, פונקט ווי ער אליין. א ברען אן אטאמאן! אָבער זינט ער איז ארויס פון אונטער קאָזאָלופּס מעמשאָלע, האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן א סינע — לעכאטכילע א פארבאהאלטענע, און דערנאָך אן אָפענע.

האָט אָנגעשריבן קאָזאָלופּ א באפעל די פויערים: „ניט געבן ליאָווקען ניט קיין כאזער פאר די מענטשן, ניט קיין היי פאר די פערד, ניט קיין שטוב, ווו איבערצונעכטיקן".

האָט זיך ליאָווקע פאנאנדערגעלאכט און האָט אָנגעשריבן א צווייטן באפעל.

האָבן איבערגעלייענט די רויטע ביידע באפעלן און האָבן אָנגעשריבן א דריטן:

„דערקלערן ליאָווקען און קאָזאָלופּן אויסער דעם געזעץ" — און שוין. שרײַבן א סאך האָבן זיי קיין צײַט ניט געהאט, ווײַל עס האָט זיך בא זיי שטארק געבויגן דער הויפט-פראָנט.

און עס האָט זיך פארקאָכט אזוינס, וואָס עס איז גאָרניט צו פארשטיין. אז וואָס דארפט איר שוין מער, ווי דער אלטער זאכאר! אף דרײַ מילכאָמעס איז ער אויסגעווען. איז אפילע ער, ווען ער פלעגט זיך אוועקזעצן אפן פריזבע לעבן זײַן געלבלעכן הינטל, וואָס א שיקערער פעטליוראָוועץ האָט בא אים מיט א שווערד אן אויער אָפגעהאקט, פלעגט ער זאָגן:

— נו, א צײַט!

הײַנט זײַנען געקומען גרינע, א מענטשן צוואנציק. צוויי פון זיי זײַנען ארײַן צו האָלאָווענען. מע האָט געגוואלדעוועט און געשרונקען גלעזערווײַז מוטנעם און שטארקן סאמאָהאָן.

דימקע האָט פון הינטער דעם טירל נײַגעריק זיך צוגעקוקט צו זיי.

ווען האַלאָווע איז אוועק, האָט דימקע, וואָס האָט שוין פון לאַנג געוואָלט פארזוכן דעם טאַם פון סאמאהאָן, צונויפגעגאָסן די רעשטן אין איין גלאָז.

— דימקע, מיר! — האָט טאָפּ געיענטשעט.

— כ'וועל איבערלאָזן, כ'וועל איבערלאָזן!

אָבער ווי נאָר ער האָט אַרײַנגעקערט די גלאָז אין מויל אַרײַן, האָט ער אָנגעהויבן מוירעדיק צו שפײַען און איז אַרויסגעלאָפן אין הויף אַרײַן.

לעבן די שטאַלן האָט ער געטראָפן זשיגאַנען.

— און איך, ברודערל, ווייס עפעס.

— וואָס?

— בא אונדז הינטערן שטוב גראָבן די גרינע א גרוב אינמיטן וועג, און שיידים ווייסן זיי צו וואָס. ווײַזט אויס, אז קיינער זאָל דאָ ניט דורכפאָרן.

— ווי זשע קאָן מען עס ניט דורכפאָרן? — האָט דימקע מיט צווייפל דערווידערט. — דאָס איז עפעס ניט גלאַט. אי די גרינע דרייען זיך דאָ ארום אי מע גראָבט א גרוב... ניט אנדערש, עס וועט זיך דאָ עפעס פארקאָכן.

זיי זײַנען אוועקגעגאנגען געווירע ווערן צו זייערע זאַפּאַסן. דאָרט איז געווען דערווײַל ווינציק-וואָס: צוויי שטיקלעך כאַזער, א שטיק געהאַקט פלייש און בא א צענדליק שוועבעלעך.

יענעם אָוונט איז די זון, ווי א רויטער ריזיקער רײַף, געבליבן הענגען איבערן האָריזאָנט בא די נאַדעזשדינער פעלדער און איז פארגאַנגען ביסלעכווײַז, ניט געאײַלט, פונקט ווי זי וואָלט זיך געקוויקט מיט דער ראַכוועסדיקער רו פון דער אָפּרוענדיקער ערד.

ווײַט, אין אָלכאָווקע, וואָס האָט זיך צוגעטוליעט צום ראַנד פונעם ניד־קאָלסקער וואַלד, האָט עטלעכע מאָל א קלונג געטאָן דער קלויסטער־גלאָק. דאָס איז ניט געווען קיין אומרויִקער אַליאַרעם-קלונג, נאָר פּאַשעטע אַזוי, ווייך. און אז די געדיכטע, ציטערדיקע קלאַנגען זײַנען פארבײַ די שטרויענע דעכער דערגאַנגען צו דעם אַלטן זאַכאַרס אויערן, האָט ער זיך פארוואונדערט א ביסל פונעם רויִקן קלונג, וואָס ער האָט שוין אַזוי לאַנג

ניט געהערט און, איבערציילעמענדיק זיך פאוואָליע, האָט ער זיך פעסט אוועקגעזעצט אפ זײַן אָרט, לעבן דעם אויסגעקרימטן גאנעקל. און ווען ער האָט זיך אוועקגעזעצט, האָט ער א טראכט געטאָן: „וואָס פאר א יאָנטעוו קאָן עס מאָרגן זײַן?“ ער האָט געכעזשבנט אהער, געכעזשבנט אהין — עס באקומט זיך גאָרניט. ווײַל דער קערמעש איז שוין אין אָלכאָווקע געווען, און צו „ספּאס“ איז נאָך ווײַט. און זאכאר האָט אָנגעקלאפּט מיטן שטעקן אין פענצטער און א פרעג געטאָן בא דער אַלטער, וואָס האָט ארויסגעשטעקט פון דאָרטן דעם קאָפּ:

— האָרפּינע, א האָרפּינע, מאָרגן איז דען בא אונדז זונטיק?

— וואָס רעדסטו, אלטער! — האָט האָרפּינע, וואָס איז געווען אויסגעשמירט אין מעל, אומצופרידן געענטפערט. — ווי־אזוי קאָן דאָס אפ מאָרגן נאָך מיטוואָך אויספאלן זונטיק?

— דאָס פרעג איך דאָך טאקע...

און דער אלטער זאכאר האָט גענומען צווייפלען, צי האָט ער זיך ניט אומזיסט איבערגעציילעמט און צי איז דאָס עפּעס ניט קיין שלעכטער קלונג.

עס איז אָנגעפלויגן א ווינטל, האָט עטוואָס א שאָקל געטאָן די גרויע באָרד. און דער אלטער זאכאר האָט דערזען, ווי עס האָבן זיך עפּעס ארויסגערוקט פון די פענצטער נײַגעריקע ווײַבער, ווי עס זײַנען ארויסגעלאָפן קינדער פון די טויערן, און פון פעלד האָט זיך דערטראָגן עפּעס אן אויסגעצויגענער, מאָדנער קלאנג, ווי א בוהײַ אָדער א בעהיימע וואָלטן זיך אין סטאדע צערעוועט, אָבער שארפער נאָך און לענגער.

— אוּאָ — או — או — או־או־או...

און דערנאָך האָט עס פלוצלינג א מין טראסקע געטאָן אינדערלופטן, עס האָבן זיך דאָס צעקנאלט לעבן וויהאָן די זאלפן... טייקעף האָט מען פארהאקט די פענצטער, פון גאס זײַנען פארשוווּנדן די קינדער. און בלויז דער דערשראָקענער אלטיטשקער האָט זיך ניט געקאָנט אופהייבן און א ריר טאָן זיך פון אָרט, ביזוואנען האָרפּינע האָט ניט גענומען שרײַען אפ אים:

— ריר זיך לעבעדיקער, אלטער נאר! דו זעסט דען ניט וואָס עס הייבט זיך אָן?

און אין דער זעלבער צײַט האָט בא דימקען שטארק געקלאפּט דאָס הארץ, און די קלעפּ זײַנען געווען פונקט אזוי ניט רעגלמעסיק, ווי די זאלפן,

און עס האָט זיכ אימ געוואָלט ארויסלויפנ אפ דער גאס דערוויסנ זיכ, וואָס קומט דאָרט פאָר. עס איז אימ געווענ שרעקלעכ, ווײַל די מוטער איז בלייכ געוואָרנ און האָט א זאָג געטאָנ ניט מיט איר קאָל, זייער שטיל:

— לייג זיכ... לייג זיכ אפנ דיל, דימעלע. גאָט מײַנער, זיי זאָלנ נאָר ניט נעמענ פונ הארמאטנ שיסנ.

בא טאָפנ זײַנענ די אויגנ געוואָרנ גרויסע־גרויסע, און ער איז פאַר־גליווערט געוואָרנ אפנ דיל, צוגעטוליעט דאָס קעפל צו דעמ פיסל פונ טיש. אָבער ליגנ איז אימ געווענ אומבאקוועמ, און ער האָט וויינענדיק א זאָג געטאָנ:

— מאמ, איכ וויל ניט אפנ דיל, כ׳וועל בעסער אפנ אריווג.

— ליג, ליג! אָט וועט קומענ א הײַדאמאק... וועט ער דיר!

אינ דער רעגע האָט עפעס באַזונדערס שטארק א קראכ געטאָנ, אזוי אז עס האָבנ גענומענ קלינגענ די שויבנ פונ די פענצטער, און דימקעג האָט זיכ געדוכט, אז די ערד האָט א ציטער געטאָנ: „מע ווארפט באָמ־בעט!“ האָט ער א טראכט געטאָנ און האָט דערהערט, ווי פארביי די פענצ־טער האָבנ זיכ טופענדיק און שרײַענדיק פארבײַגעטראָגנ עטלעכע מענטשנ.

עס איז שטיל געוואָרנ. עס איז אריבער נאָכ א האלבע שאָ. עמעצ האָט גענומענ טופענ אינ פירהויז, אויסגעזידלט זיכ, אָנשטויטנדיק זיכ אפ א פוסטנ עמער. עס האָט זיכ צעעפנט די טיר און אינ שטוב איז ארײַנ־געקומענ האָלאָווענ א באוואָפנטער.

ער איז געווענ פונ עפעס שטארק אופגעבראכט, ווײַל נאָכ דעמ, ווי ער האָט אויסגעטרונקענ מיט איינ שלונג א קוואָרט וואסער, האָט ער א שלײַדער געטאָנ די ביקס אינ ווינקל און האָט א זאָג געטאָנ מיט אָפענעמ פארדרוס:

— אכ, פארברענט זאָל עס ווערנ!

אפ מאָרגנ האָבנ זיכ די קינדער באגעגנט גאנצ פרי.

— זשיגאנ! — האָט דימקע א פרעג געטאָנ, — דו ווייסט ניט, וואָס איז דאָס נעכטנ פאָרגעקומענ... ווער מיט וועמענ?

זשיגאנס פלינקע אויגנ האָבנ צופרידנ א פינקל געטאָנ. און ער האָט וואושנע א זאָג געטאָנ:

— אָ, ברודער! איז בא אונדז נעכטנ פארלאָפנ א מײַסע...

— נאָר ניט לײַג! איכ האָב דאָכ געזעג, װי דו ביסט אויכ גלײַכ אנטלאָפנ דורכ די גערטנער.

— פונװאַנענ װײסטו? עפשער בינ איכ געגאנגענ ארומ אונ ארומ, — האָט זיכ זשיגאנ באלײדיקט.

איכ דערינ האָט דימקע שטארק געצװײפלט, ער האָט אים אָבער ניט איבערגעשלאָגנ.

— א מאשינ איז נעכטנ געפאָרנ, אונ אינ אָלכאָװקע האָט מענ זי פאריכטנ באדארפט. זי האָט ערשט באװיזנ ארויסצופאָרנ פונ דאָרטנ, אז באװוײלע דער דיאקאָנ דערלאנגט עס א זעצ אינ גלאָק: בומ!.. — א סיגנאל, הײסט עס.

— נו?

— נו אינ נו!.. איז זי צוגעפאָרנ צומ דאָרפ, האָט מענ דערלאנגט אינ איר פונ ביקסנ. האָט די מאשינ געװאָלט פארקערעװענ צוריק, ערשט דער טויער איז שוינ פארשלאָסנ.

— מע האָט עמעצנ געכאפט?

— ניינ... פונ דאָרטנ האָט מענ געענטפערט מיט אזא שיסערײַ, אז עס איז געװענ גאָר ניט צוצוטרעטנ... דערנאָכ, אז זײ האָבנ דערזעג, אז עס האלט שלעכט, ז‎ײַנענ זײ זיכ צעלאָפנ אינ פארשײדענע זײַטנ... דאָ האָט מענ זײ צעשאָסנ. אונ אײנער איז אנטלאָפנ. אָט דאָ נאָענט האָט ער א באָמבע א שלײַדער געטאָנ, בא אָנופריכענ אינ שטוב האָבנ אלע שויבנ געפלאצט. מע װעצט אינ אים פונ ביקסנ, מע יאָגט זיכ נאָכ אים, אונ ער אריבערנ פלויט, אריבער פארקנס אונ אינז אנטלאָפנ.

— אונ די מאשינ?

— די מאשינ איז איצט אויכ דאָ... זי טויג שוינ אָבער ניט, װײַל אײדער זײ ז‎ײַנענ זיכ צעלאָפנ, האָט אײנער אינ איר א גראנאטע א שלײַדער געטאָנ, אינגאנצנ צעקארדאטשעט... איכ בינ שוינ געװענ דאָרט. פעדקע מאריעס איז נאָכ פריער פאר מיר געװענ. דעמ סיגנאל האָט ער צוגעשלעפט. קװעטשטשט אָנ די גומע, אז זי הײבט עס אָנ צו װויענ!

א גאנצנ טאָג האָט מענ נאָר געהאלטנ אינ אײנ רײדנ װעגנ דער נעכ־

סיקער געשעעניש. די גרינע זײַנען אוועקגעריטנ נאָכ בא דער נאכט. אונ דאָס קלײנינקע דערפל איז ווידער געבליבנ אָנ א מאכט.

דערווײַל זײַנען שוינ די צוגרײטונגענ צומ אנטלויפנ געווענ באלד פאַרענדיקט.

עס איז פארבליבנ בלויז צושלעפנ דאָס קעסעלע, אונ עס איז טאקע באשלאָסנ געוואָרנ דורכצומאכנ עס מאָרגנ באנאכט מיט דער הילפ פונ א לאנגנ שטעקנ מיט א טשוואָק אפנ שפיצ דורכ דעמ קלײנינקנ פענצטערל, וואָס גײט ארויס אינ גאָרטנ.

זשיגאנ איז אוועק עסנ וואַרמעס. דימקע האָט ניט געקאָנט אײַנזיצנ, אונ ער איז אוועק וואַרטנ אפ אימ צו די שטאַלנ.

ער האָט זיכ שוינ געהאט א וואָרפ געטאָנ אפ דעמ שטרוי אונ זיכ אָנגעהויבנ שפילנ, פארטײדיקנדיק זיכ פונ שמשונ, וואָס האָט אימ צאָרנדיק אטאקירט; אָבער באלד איז ער אופגעשפרונגענ פונ אָרט, עטוואָס א באַמרויקטער. אימ האָט זיכ אויסגעדאכט, אז די סנאָפּעס זײַנען פאַנאַנדערגעוואָרפנ עפּעס ניט אזוי, ניט ווי שטענדיק. „ניט שוינ זשע איז דאָ עמעצער פונ די קינדער אומגעקראָכנ? אָט שײדימ!“ אונ ער איז צוגעגאנגענ א קוק טאָנ, צי האָט עמעצ ניט געפונענ דאָס אָרט, ווו עס איז געווענ דאָס עסנווארג. ער האָט א שאר געטאָנ מיט דער האנט — ניינ, ס'איז דאָ! ער האָט ארויסגעשלעפּט דאָס באזער, די שוועבעלעכ, דאָס ברויט. גענומענ זוכנ דאָס פלײש — ניטאָ!

— אָט, שײדימ! — האָט ער זיכ אויסגעזידלט. — אנדערש ניט, נאָר זשיגאנ האָט עס געמוזט אופּעסנ. ווענ דאָס זאָל זײַנ עמעצער פונ די קינדער, וואָלט ער צוגענומענ אלצ מיטאמאָל.

אינגיכנ האָט זיכ באוויזנ זשיגאנ. ער האָט ערשט אָפּגעגעסנ וואַרמעס אונ איז דעריבער געווענ אינ אנ אויסגעצײכנטער שטימונג. ער איז געגאנגענ אונ האָט זאָרגלאָז געפײַפט.

— פלײש האָסטו געגעסנ? — האָט דימקע א פרעג געטאָנ, בײז קוקנדיק אפ אימ.

— געגעסנ! — האָט זשיגאנ געענטפערט. — געשמאַק...

— געשמאַק! — האָט זיכ דימקע א דערצאָרנטער א וואָרפ געטאָנ אפ אימ. — אונ ווער האָט דיר דערלויבט? אונ ווער האָט עס מיט דיר

אָפּגעמאכט אזוי? און אפנ וועג וואס?.. אָט וועל איכ דיר דערלאנגענ א פלעט איבערנ קאָפּ, וועט זײַנ געשמאק!..

ושיגאנ איז געבליבנ שטײנ א צעמישטער.

— דאָס האָב איכ דאָכ געגעסנ אינ דער היים באם וואַרמעס. אָנער־פריבע האָט אראָפּגענומענ די האנט פונ הארצנ און האָט ארויסגענומענ א שטיק פלייש פונ באָרשטש, אָט אזא שטיק!

— און פונדאנענ האָט ווער צוגענומענ?

— איכ הייב ניט אָנ צו וויסנ.

— שווער זיכ.

— ווי גאָט איז מיר ליב. זאָל איכ אײַנגעזונקענ ווערנ אינ דער סעקונד, אויב איכ האָב גענומענ.

צי דערפאר, ווײַל ושיגאנ איז ניט אײַנגעזונקענ געוואָרנ „אינ דער סעקונד“, אָדער דערפאר, ווײַל ער האָט אָפּגעלייקנט די באשולדיקונג מיט אויסערגעווײנלעכער היציקײַט, נאָר דימקע האָט באשלאָסנ, אז דאָס מאָל, אלס אויסנאם, לײַגט ער ניט. און ווארפנדיק א פלינקנ בליק אפ דעם שטרוי, האָט ער א רופ געטאָנ שמעלנ, אויסשטרעקנדיק די האנט נאָכ א רוט:

— שמעל, א־נו קום אָקאָרשט אהער, דו אויסוואורפ, קום אהער, הינטי־שער זונ!

אָבער שמעל האָט פײַנט געהאט, ווענ מע האָט צו אים אזוי גערעדט. ער האָט אופגעהערט צו צופנ דעם קנויל שטרוי, האָט אראָפּגעלאָזט דעם עק און איז אוועק טײקעפ אָנ א זײַט.

— ער האָט אופגעפרעסנ, — האָט ושיגאנ מיט צאָרנ באשטעטיקט. — פלאצנ זאָל ער. אזא מינ פעט שטיק.

האָבנ זיי אלצ באהאלטנ העכער אינ אנ אנדער אָרט, פארלײגט מיט א ברעט און צוגעפרעסט מיט א שטיינ.

דערנאָכ זײַנענ זיי לאנג געלעגנ, מאָלנדיק איינער דעם אנדערנ פרעכטיקע בילדער פונ זייער צוקינפטיק לעבנ.

— נעכטיקנ אינ וואלד בא א שײַטער... גוט!

— עס איז אָבער פינצטער באנאכט, — האָט ושיגאנ א זאָג געטאָנ מיט פארדרוס.

— איז וואָס, אז פינצטער? ביקסנ וועלנ מיר האָבנ, וועלנ מיר אליינ אויכ...

— אונ סאָמער דערהארגעט מענ, — האָט זשיגאנ ווידער געטייַנעט זייַנס אונ האָט ערנסט צוגעגעבנ: — איכ, ברודער, האָב פייַנט דערהארגעט צו ווערנ.

— איכ אויכ, — איז זיכ דימקע מוידע געווענ. — וואָדענ, א פארגעניגנ צו פוילנ אינ גרוב... אָט ווי די, — אונ ער האָט א ווונק געטאָנ מיטנ קאָפּ אהינ, ווו דער אויסגעקרימטער צייַלעמ האָט זיכ קוימ־קוימ אָנגעוועג אינ דער געדיכטער פארנאכטיקער טונקלקייַט.

בא דער דאָזיקער דערמאָנונג האָט זיכ זשיגאנ עטוואָס איינגעהויקערט אונ האָט דערפילט, אז אינ דער פארנאכטיקער לופט איז עפּעס ווי קילער געוואָרנ. אָבער וועלנדיק ארויסווייַזנ זיכ פאר א בראַווונ יונג, האָט ער גלייַכגילטיק א זאָג געטאָנ:

— יאָ, ברודער... אונ בא אונדז איז איינמאָל פארלאָפנ אזא מינ געשיכטע...

אונ האָט זיכ פארהאקט, וואָרעמ שמעל, וואָס האָט זיכ צוגעטוליעט צו דימקענ, האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפּ, עפּעס אָנגעשפּיצט די אויערנ אונ האָט זיכ צעבורטשעט וואָרענענדיק אונ בייַז.

— וואָס איז? וואָס האָט געטראָפנ, שמעליק? — האָט אימ דימקע אומרויִק א פרעג געטאָנ אונ א גלעט געטאָנ איבערנ קאָפּ.

שמעל איז אנשוויגנ געוואָרנ אונ האָט ווידער אוועקגעלייגט דעמ קאָפּ צווישנ די לאַפּעס.

— ער האָט דערשפּירט א שטשור, — האָט זשיגאנ א שעפּטשע געטאָנ אונ האָט דערבייַ קווימערשט א גענעצ געטאָנ: — צייַט צו גייַנ אהיימ, דימקע.

— באלד גייענ מיר. אונ וואָס פאר א געשיכטע איז בא אייַכ פארלאָפנ?

אָבער זשיגאנענ איז שוינ ניט געלעגנ אינ קאָפּ די געשיכטע, אונ, אויסער דעמ, איז אלצ, וואָס ער האָט זיכ געקליבנ אויסטראכטנ, אימ ארויסגעפלויגנ פונ קאָפּ.

— קום, — האָט דימקע מאַסקים געווען, צופרידן, וואָס זשיגאַן האָט ניט גענומען דערציילן די געשיכטע.

זיי האָבן זיך אופגעהויבן. שמעל איז אויך אופגעשטאַנען, ער איז אָבער ניט אַוועק גלייך, ער איז געבליבן שטיין לעבן דעם שטרוי און האָט זיך ווידער אומרויק צעוואָרטשעט, פונקט ווי עמעצער וואָלט אים פון דער פינצטערניש גערייצט.

— ער האָט שטשורעס דערשפּירט! האָט איצט דימקע איבערגע־ באַוערט.

— שטשורעס? האָט זשיגאַן געענטפערט עפּעס מיט אַ מאָדנע דער־ שלאָגן קאָל. אַבער פאַרוואָס האָט ער זיי פריער ניט געשפּירט?

און ער האָט שטיל צוגעגעבן:

— עפּעס קאַלט געוואָרן. לאָמיר זיך לאָזן ליגן, דימקע!

— אין דער באָלשעוויק יענער, וואָס איז אַנטלאָפן, איז ערגעץ דאָ ניט ווייט לעבן דאָרף.

— פונחאַנעג ווייסטו?

— אָט אַזוי מיין איך! אָנופריכע האָט מיך ערשט געשיקט צו האָר־ פינען לייַען אַ האַלבע גלאָז זאַלץ. און בא איר, בא אָנופריכען, איז יענעם טאָג אַ העמד פון פּליוט פאַרפאַלן געוואָרן. קום איך צו גיין, ערשט איך הער פון פירהויז זידלט זיך עמעצער: „... און אַוועקגעוואָרפן, זאָגט מען, האָט ער עפּעס אַ העמד לעבן די שטאַנגען. שיידים ווייסן אים וואָס, ער האָט הינט געקוילעט צי וואָס! טו איך מיט יעגאָריכען אַ קוק: עס איז צעריסן, און זאָל זיין אַ ביסל, איז עס צעריסן אינגאַנצן ווי עס שטייט און גייט!” און דער אַלטער זאַכאַר האָט זיך צוגעהערט, צוגעהערט און אַ זאָג געטאָן: „אָ, האָרפּינע...”

דאָ איז זשיגאַן באַדייַטונגספול אַנשוויגן געוואָרן, קוקנדיק אף דימקען, און ערשט נאָכדעם, ווי דימקע האָט אומגעדולדיק אָנגעהויבן צו נוקען, האָט ער אָנגעהויבן ווייַטער.

— און דער זיידע זאַכאַר גיט אַ זאָג: „אָ, האָרפּינע, באַהאַלט בעסער דייַן צונג אַ ביסל ווייַטער”. דאָ בין איך אַרייַן אין שטיב. איך טו אַ קוק, ערשט איך זע: אָפּן בענקל ליגט אַ העמד אַ צעריסנס און איג־

גאַנצן אין בלוט. און ווען האָרפּינע האָט מיך דערזען, האָט זי זיך גלײַך אין דער זעלבער סעקונדע אויפֿגעזעצט אַף דעם העמד און זאָגט: „דער־לאַנג מיר, אַלטער, אַ האַלבע גלאָז זאַלץ", און אַליין רירט זי זיך ניט פֿון אָרט. אַ דינגע האָב איך, איך האָב אַזוי איך געזען. איז אָט, טראַכט איך, אַז דאָס האָט יענעם באַלשעוויק אַ קויל געטראָפֿן.

אַ ווײַלע האָט מען געשוויגן, באַטראַכטנדיק די נס, וועגן וועלכער זיי האָבן זיך אומדערוואַרט דערוווּסט. בײַ איינעם האָבן זיך די אויגן פֿאַר־זשמורעט, פֿאַרקוקנדיק זיך אומבאַוועגלעך אין ערגעץ. בײַ דעם אַנדערן האָבן זיי גענומען אַרומלויפֿן און האָבן זיך כיטרע צעפֿינקלט. און דימקע האָט געזאָגט:

אָט וואָס, זשיגאַנען, שוין בעסער צו מיר. בײַ האָט שוין אַזוי איך געזען רויטע אײַנגעהאַנגען דאָ ליגן אונטער האָרפּ, און אַלץ איינ־ציקווייז.

אין מאָרגן אינדערפֿרי האָבן זיי אָפּגערעדט צו אַנטלויפֿן. אַ גאַנצן טאָג איז דימקע אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער, האָט אומגערן צעבראָכן אַ גלאָז, איז אַרויסגעטראָגן שמעלץ אויבן עק און שיר ניט אַרויסגעהאַקט אַ קרײַל מילך בײַ דער באָבען פֿון די הענט, און האָט באַקומען דערפֿאַר פֿון האָלאָוועגע אַ שטאַרקן פּאַטש.

אין די צײַט איז ניט געשטאַנען. אַ שאָ נאָך אַ שאָ, און עס איז שוין האַלבער טאָג, וואַרמעס־צײַט, און אָט איז שוין אָוונט.

האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין גאָרטן, הינטער אַ בוים בײַם פּלויט, און האָבן אָנגעהויבן וואַרטן.

באַהאַלטן האָבן זיי זיך גאַנץ פֿרי, און לאַנג נאָך זײַנען דורכן הויף דורכגעגאַנגען דאָ דער, דאָ יענער. ענדלעך איז געקומען האָלאָוועגע, די מוטער האָט אַרײַנגערופֿן סאָפֿן, און האָט אַ געשריי געטאָן פֿון גאַנעק:

דימקע! דימורושקע! וווּ ביסטו, פֿאַרשוויצ, פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?

„עסן וועטשערע!" האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אָבער אָפּרופֿן זיך האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, ניט געטראַכט אפֿילו. די מוטער איז געשטאַנען אַ ביסל אויפֿן גאַנעק און איז אַוועקגעגאַנגען.

זיי האָבן אויפֿגעוואַרט. אַרויסגעגאַנוועט זיך לאַנגזאַם. לעבן ווענטל פֿור־נעם קעמערל האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. דאָס פֿענצטערל איז געווען הויך.

דימקע האָט זיך אײַנגעבויגן, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אָן די קני. זשיגאַן האָט זיך אַרופֿגעדראַפּעט צו אים אױף פּלײצע און האָט פֿאָרזיכטיק אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אין פֿענצטערל.

— גיכער, דו. די פּלײצע איז בא מיר ניט פֿון אײַזן.

— זײער פֿינצטער דאָרטן, — האָט זשיגאַן א שעפּטשע געטאָן. קוים מיט צאָרעס האָט ער אָנגעטאַפּט דאָס קעסטלע. האָט ער עס א שלעפּ געטאָן צו זיך און איז אַראָפּגעשפּרונגען.

— כאַראַנ!

— זשיגאַן — האָט דימקע א פֿרעג געטאָן, — און די װורשט װוּ האָסטו געפּאַקט?

— זי איז דאָרטן געהאַנגען טאַקע פֿון אױבנאױף. לאָמיר אַנטלױפֿן.

זײ זײַנען פֿלינק אַרױסגעפֿלױגן פֿון הױף, נאָר אַפּ יענער זײַט פּלױט האָבן זײ זיך דערמאָנט, אַז זײ האָבן דאָרטן בײַם װענטל פֿאַרגעסן דעם שטעקן מיטן טשװאָק. דימקע קערט זיך אום צוריק. ער האָט א כאַפּ געטאָן דעם שטעקן און פּלוצעם דערזען, אַז טאָפּ האָט דורכגערוקט דעם קאָפּ דורך א לאָך אין פּלױט און קוקט אַפּ אים נײַגעריק.

דימקע, מיטן שטעקן און מיט דער װורשט, האָט זיך אױך פֿאַרלױרן, אַז ער איז געקומען צו זיך ערשט, װען טאָפּ האָט בא אים א פֿרעג געטאָן:

— צו װאָס האָסטו די װורשט צוגעשלעפּט?

— דאָס האָב איך, טאָפּ, ניט צוגעשלעפּט. דאָס דאַרף מען, — האָט דימקע אַפּניך געענטפֿערט, — שפּערלעך צו קאָרמענען, דו האָסט ליב שפּער־לעך, טאָפּ? טשיריק־טשיריק!.. דו דערצײל נאָר ניט. װעסט ניט זאָגן? איך װעל דיר מאָרגן ברענגען א גוטן טשװאָק!

— שפּערלעך? — האָט טאָפּ ערנסט א פֿרעג געטאָן.

— יאָ־יאָ! זאָל איך אַזױ לעבן!.. זײ האָבן ניט װאָס צו עסן... א ראַכמאָנעס!

— א טשװאָק װעסטו אױך געבן?

— א טשװאָק אױך... װעסט אָבער ניט זאָגן, טאָפּ! אַניט װעל איך דיר קײן טשװאָק ניט געבן און מיט שמעליקן שפּילן ניט לאָזן.

און באַקומען א צוזאָג שװײַגן (בא זיך אין האַרצן האָט ער שטאַרק

געצווייפלט דערינ), האָט זיך דימקע געלאָזט לויפֿן צו זשיגאַנען, האָט האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אַף אים.

דער פּאַרנאַס איז געקומען אימפּעדיק, און, ווען זיי זײַנען דערלאָפֿן צו די הײַ־שטאָלן, קעדיי צו באַהאַלטן דאָרטן דאָס קעסעלע מיט דער שלימאַזלדיקער וואָרשט, איז שוין געווען פֿינצטער.

— באַהאַלט אַפֿניך!

— גיב אַהער! — און זשיגאַן איז אַרײַנגעקראָכן אינעם שפּאַלט, אונטערן דאַך.

— דימקע! דאָ איז פֿינצטער, — האָט זשיגאַן אונטערן גערופֿן... און קאָן זאָ גאָרניט נישט געפֿינען...

— גיי שוין גיי, בעדריטער, לײַגט, אַז דו קאָנסט נישט געפֿינען! האָט זיך שוין דערשראָקן!

דימקע איז אַליין אַהין אַרײַנגעקראָכן. אין דער פֿינצטערניש האָט ער אָנגעכאַפּט זשיגאַנס האַנט און דערפֿילט, אַז זי ציטערט.

— וואָס איז? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן, דערפֿילנדיק, אַז אויך אים באַפֿאַלט אַ שרעק.

— דאָרטן... — און זשיגאַן האָט זיך שטאַרקער אָנגעכאַפּט אָן דימקען.

און דימקע האָט דערזען, דערהערט אַ צווערג, פּאַרשטיקטן קרעכץ, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון דער פֿינצטערער טיפֿעניש פֿונעם שטאַל.

אין דער זעלבער רעגע האָבן זיי זיך ביידע מיט אַ געשריי אַראָפּגעקײַקלט אַראָפּ, און נישט זעענדיק קיין וועג און קיין שטעג, זיך געלאָזט פֿון דאָרטן לויפֿן אין גרויזאַמער שרעק.

3

אין יענער נאַכט האָט דימקע לאַנג נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿן וועגן. ביסלעכווײַז האָבן זיך בײַ אים אין קאָפּ געשטעלט אויסבילדן אייניקע האַשאָרעס: „שטשורעס... ווער האָט אויפֿגעגעסן דאָס פֿלייש?.. דאָס העמד, די קרעכצן... און ווי, אַז דאָרטן?..“

ער האָט זיך אַ לאַנגע צײַט געדרייט פֿון איין זײַט אַף דער צוויי־

מער און האָט זיך בעשטימפן ניט געקאָנט באַפרײַען פון דעם אײַנגענע־סענעם געדאַנק, וואָס האָט אים ניט געלאָזט רוען.

אינדערפרי איז ער שוין געווען בא די שטאַלן. ער האָט אָפּגערוקט א קופּע שטרוי און איז אַרײַנגעקראָכן אין דער לאָך. די זונ־שטראַלן, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די פּילצאַליקע שפּאַלטן, האָבן דורכגע־שניטן די האַלבטונקלקײַט פון דער שטאַל. די פאַרדרעשטע סליפּעס דאָרטן, ווו עס האָט געדאַרפט זײַן דער טייער, זײַנען אומגעפאַלן, און דער דאַך האָט זיך אַראָפּגעלעצט, פאַרוואַלגערט אינגאַנצן דעם אַרײַנגאַנג. „ערגעץ דאָ״, האָט דימקע א טראַכט געטאָן און האָט זיך געלאָזט קריכן. ער האָט פאַר־קערעוועט אהינטער א הרודע צעשאָטענע, נים אָפּגעבראָכענע ציגל און איז געבליבן שטיין א דערשראָקענער. אין ווינקל, אפן שטרוי, איז מיטן פאַר־נעם אַראָפּ געלעגן א מענטש. דערהערנדיק א גערויש, האָט ער עטוואָס א הייב געטאָן דעם קאָפּ און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום נאַגאַן, וואָס האָט זיך לעבן אים געוואַלגערט. אָבער, צי דערפאַר, ווײַל ער האָט קיין קויכעס ניט געהאַט, צי צוליב עפּעס אַן אַנדער סיבע, נאָך אײַנקוקנ־דיק זיך מיט זײַנע פיבערדיקע, מוטנע אויגן, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דאָס הענטל פונעם רעוואָלווער און, אויפהייבנדיק זיך עטוואָס, האָט ער הייזע־ריקלעך א זאָג געטאָן:

טרינקען!

דימקע האָט געמאַכט א טראָט פאָרויס. עס האָט א פינקל געטאָן א שטערנדל מיט א ווײַסן קראַנץ, און דימקע האָט שיר ניט א געשריי געטאָן פון איבעראַשונג: ער האָט דערקענט אין דעם פאַרוווּנדעטן דעם אומבאַ־קאַנטן, וואָס האָט אים אַמאָל אַרויסגעריסן בא האָלאָוועס פון די הענט.

עס זײַנען פאַרשוווּנדן געוואָרן אַלע שרעקן, אַלע צווייפלען, עס איז געבליבן בלויז א געפיל פון ראַכמאָנעס צו דעם מענטשן, וואָס האָט זיך אַמאָל אזוי הייס אײַנגעשטעלט פאַר אים.

דימקע האָט א כאַפּ געטאָן דאָס קעסעלע און איז אַוועקגעלאָפן צום טײַך נאָך וואַסער. לויפנדיק צוריק, האָט ער זיך שיר ניט אָנגעשטויסן אָן פעדקע מאַריעס, וואָס האָט געהאָלפן דער מוטער שלעפּן נאַסע וועש. דימקע האָט זיך האַסטיק פאַרבאַהאַלטן צווישן די קוסטעס און האָט געזען פון דאָרטן, ווי פעדקע האָט גענומען גיין פּאַמעלעכער און האָט נײַגעריק

אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ אין זײַן זײַט. און ווען פּעדקעס מאַמע, וואָס האָט דערפֿילט, ווי עס איז איר עפּעס מיטאַמאָל שווער געוואָרן דער קאָרב, וואָלט ניט אויסגעשריגן בייז: „וויאַזוי טראָגסטו, שעד אײנער! וואָס דרייסטו זיך אין אַלע זײַטן?" וואָלט זיך פּעדקע, פֿאַרשטייט זיך, ניט אײַנגעהאַלטן א קוק צו טאָן, ווער עס האָט זיך דאָס אַזוי האַסטיק פֿאַרבאַהאַלטן אין די קוסטעס.

ווען דימקע האָט זיך אומגעקערט, האָט ער דערזען, אַז דער אומבאַקאַנטער ליגט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און באַוועגט קוים מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט גערעדט מיט עמעצן פֿון שלאָף. דימקע האָט אים א ריר געטאָן פֿאַרן אַקסל, און ווען יענער האָט געעפֿנט די אויגן און האָט דערזען פֿאַר זיך שטיין דאָס ייִנגל, האָט זיך עפּעס א מין שוואַכער שמייכל באַוויזן אויף זײַנע פֿאַרטריקנטע ליפּן. ווען ער האָט זיך אָנגעטרונקען, האָט ער שוין פֿיל ייִנגלעכער און קלאָרער א פֿרעג געטאָן:

די דייטשע זײַנען ווײַט?

ווײַט. מע הערט אַפֿילו ניט פֿון ווײַ״.

און אין שטאָט?

אין שטאָט זײַנען, דאַכט זיך, די פּעטליוראַיצעס...

דער פֿאַרוואונדעטער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט א פֿרעג געטאָן בײַ דימקען:

ייִנגעלע, דו וועסט קיינעם ניט זאָגן?

און געווען איז אין דער פֿראַזע אַזויפֿיל אימה, אַז דימקע האָט זיך אָנגעצונדן און האָט געגעבן פֿאַרזיכערן אים, אַז ער וועט קיינעם ניט זאָגן.

סײַדן זשיגאַנען!

דאָס איז יענער, וואָס איך קלײַבט זיך עס אַנטלויפֿן צוזאַמען?

יאָ, האָט דימקע פֿאַרשטענדיק געענטפֿערט. אט איז ער טאַקע, דאַכט זיך.

עס האָט זיך צעזונגען א נאַכטיגאַל מיט הילכיקע טרעלן. דאָס האָט זשיגאַן אַרומגעקוקט זײַן באַוועג און האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, וווהין ער איז עס נעלם געוואָרן.

דימקע האָט אַרויסגעריקט דעם קאָפּ פֿון דער לאָב, אָבער, ניט וועלנדיק שרײַען, האָט ער אין אים לײַכט א וואָרף געטאָן א שטיינדל.

— וואָס? — האָט זשיגאַן אַ פרעג געטאָן.

— שטילער!.. קריך אהער... בײַ דאָרט.

האָסטו דאָך געקאָנט אַ ריס טאָן, און ניט וואַרפן זיך... מיט אַ שטיין! וואָלסט נאָך געדאַרפט מיט אַ צוגאָב אַ שליידער טאָן.

בײדע זײַנען אַרײַנגעקראָכן אין דער לאָך. ייִען זשיגאַן האָט דערזען פאַר זיך דעם אומבאַקאַנטן אין דעם ברוינעם רעזינענעם אויפן שטרוי, האָט ער זיך אַ ביסל דערשראָקן.

דער אומבאַקאַנטער האָט געעפנט די אויגן און האָט אַ פרעג געטאָן פאַשטעט:

— נו וואָס, בעריע?

— אָט דאָס איז ער, זשיגאַן! — און דימקע האָט אים פאַמעלעך אַ שטופ געטאָן פאַרויס.

דער אומבאַקאַנטער האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר ער האָט אַ ביי געטאָן דעם קאָפּ.

דימקע האָט געבראַכט צו טראָגן פון ווײַטן וואַסער אַ טיכטע ברייט אין די געפּלאַצטע ווירטש.

דער פאַרוווּנדעטער איז געווען הונגעריק, אָבער פון אָנהייב האָט ער ווייניק געגעסן און מער פאַר אַלץ געטרונקען וואַסער.

זשיגאַן און דימקע זײַנען געזעסן די גאַנצע צײַט נעבעך שווײַגנדיק.

די קויל פון די גרויסע האָט דעם אומבאַקאַנטן געטראָפן אין פוס, אויסער דעם, האָט ער דורך טעג לאַנג טראָגן וואַסער ניט געהאַט אין מויל, און אויסגעמאַטערט איז ער אויך געווען שטאַרק.

ווען ער האָט איבערגעגעסן, האָט ער זיך דערבלייבט בעסער, די אויגן האָבן זיך בײַ אים צעפֿינקלט.

בעהורע! האָט ער אַ זאָג געטאָן שוין גאַנץ קלאָר. נאָך דער שטים האָט דימקע ערשט איצט נאָכאַמאָל דערקענט אין אים דעם אומבאַ־קאַנטן, וואָס האָט אַ געשריי געטאָן אַף האַלטעסטעלע: „ניט וואַגן!“ איר זײַט וווילע קינדער... איך פלעג זיך אָפט צוהערן, ווי איר פלעגט רעדן... איך אָבער איר ווייסט זיך ערגעץ אויסמײַדן וועגן מיר, וועט מען מיך דערהאַרגענען...

איך מיין, אַז ניט! — האָט זשיגאַן ניט זיכער אַ זאָג געטאָן.

פון אָנהייב האָט ער ווייניק געגעסן און מער פאַר אַלץ געטרונקען וואַסער

— וואָס הייסט, נאָר אײנער, איך מײן, אַז ניט! — האָט זיך דימקע אָנגעצונדן. — דו רײד העכער: ניט, יאָ און שוין... הערט זיך ניט צו, איך בעט אײַך, וואָס ער רעדט, — האָט ער זיך שיִר ניט וויינענדיק געווענדט צום אומבאַקאַנטן, — אויף מײַן וואָרט, מיר וועלן ניט אויסזאָגן! זאָל איך אײַנגעזונקען ווערן, אַלץ זאָג איך צו... איך וועל מיטעסן...

אָבער זשיגאַן האָט אײן פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַ זאָג געטאָן עפּעס אַ נאַרישקײַט, און ער האָט געזאָגט מיט אַ שולדיקן טאָן:

— וואָס רעדסטו, איך זאָג דאָך אײן... אַז מיר טאָרן ניט... בעשומפּן.

און דימקע האָט דערזען, ווי דער אומבאַקאַנטער האָט אַ שמײכל געטאָן נאָכאַמאָל.

באַם וואַרמעס איז טאַפּ געזעסן־געזעסן און האָט פּלוצעם אויסגעשאָסן:

— גיב אַהער, דימקע, דעם טשוואָק, אַניט וועל איך זאָגן דער מאַמען, אַז דו האָסט געשלעפּט ווורשט פֿאַר די שפּערלעך.

דימקע האָט זיך שיִר ניט דערוואָרגן מיט דער קאַרטאָפֿל און האָט גענומען שטאַרק טומלען מיטן בענקל. צום גליק איז האַלאָווען ניט געווען, די מוטער האָט אַרויסגערוקט דעם קרופּניק פֿון אויוון, און די באַבעשי איז געווען אַ ביסל טויבלעך. דימקע האָט דערלאַנגט טאַפּן אַ שטורך אין פֿוס און האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— לאָז מיר אָפּעסן, איך האָב שוין צוגעגרייט.

„אַך, כאַפּט דיך דער וואַסנמאַכער, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אויפֿהייבנדיק זיך פֿון טיש, — עמעצער שלעפּט אים פֿאַרן צונג".

ער האָט אַ זוך געטאָן און האָט אַרויסגעריסן פֿון אַ וואַנט אין שטאַל אַן אײַזערנעם טשוואָק און האָט אים געבראַכט טאַפּן.

— שטאַרק אַ גרויסער, דימקע! — האָט טאַפּ געענטפֿערט, קוקנדיק פֿאַרוווּנדערט אָפֿן גראָבן און אומגעלומפּערטן טשוואָק.

— וואָס אַ גרויסער? איז דאָך ערשט גוט, טאַפּ. און וואָס טויג דיר אַ קלענערער: וועסט אים גלײַך אַרײַנקלאַפּן און אויס. און מיט דעם קאָן מען לאַנג זיצן און קלאַפּן: טוק, טוק... אַן אויסגעצייכנטער טשוואָק!

באנאכט האָט זשיגאנ אָפּגעזוכט בא אָנופּריכענ א שטיקל ריינ לײַוונט פאר א בינט. דימקע האָט מיטגענומענ א גרויס שטיק כאוער פונ זײַנע זאפאסנ אונ האָט באשלאָסנ קריגנ ערגעצ יאָד.

דער גאלער פערלאמוטרי איז געלעגנ אפנ קושעטקע אינ איינ קאפטנ, אָנ שטיוול אונ האָט מיט פארביטערונג געטראכט וועגנ דעמ, אז די געשעפטנ גייענ שלעכט, ווײַל דער קלויסטער האָט פאראיאָרנ אָפּגעברענט פונ א סנאריאד. אָבער, ליגנדיק אזוי א ווײַלע, האָט ער זיכ דערמאָנט, אז עס דערנעענטערט זיכ א גרויסער יאָנטעוו אונ אז צוזאמענ מיט דעמ וועלנ זיכ א שאָט טאָנ מאסאָנעס. אונ בילדער פונ כאוער־פלייש, רעדלעכ פוטער אונ שלאנקע קרינגלעכ סמעטענע האָבנ, ווײַזט אויס, געגעבנ אנ אנדער ריכטונג זײַנע געדאנקענ, ווײַל דערן פאָטער פערלאמוטרי האָט סאָליד — דערלאנגט א היסט אונ האָט ייעגנ עפּעס א טראכט געטאָנ מיט א שמייכל.

עס איז ארײַנגעקומענ דימקע אונ, באהאלטנדיק דאָס שטיק כאוער הינטערנ פלייצע, האָט ער שטיל א זאָג געטאָנ:

גוט־מאָרגנ, פאָטערל.

דער פאָטער פערלאמוטרי האָט א זיפצ געטאָנ, אָנגעשטעלט זײַנ בליק אפ דימקענ אונ א פרעג געטאָנ, ניט אופהייבנדיק זיכ:

ביסט געקומענ צו מיר, מײַנ קינד, אָדער צו דער גאלעכטע?

צו איר, פאָטערל.

המ... אזוי ווי זי איז ערגעצ אוועק, וועל איכ זי פארבײַטנ.

די מאמעשי האָט מיכ געשיקט. זי האָט זיכ א ביסל צעשעדיקט, זאָגט זי מיר, גיי צו צו דער גאלעכטע, עפּשער וועט זי דיר געבנ א ביסל יאָד. אונ א פלעשעלע א קליינינקס האָט זי מיר מיטגעגעבנ.

א פלעשעלע... המ... האָט דער פאָטער פערלאמוטרי מיט צווייפל א הוסט געטאָנ. א פלעשעלע דאָס איז א קליינינקײַט... אָבער וואָס האלטסטו, יינגעלע, זי העטנ פארלייגט אפנ הינטנ?

א שטיקל כאוער האלט איכ דאָרט. די מאמע האָט מיר געזאָגט, אויב זי וועט אָנגיסנ, גיב עס איר אוועק אלס דאנק...

— אויב זי וועט אָנגיסנ?

— אַפ מײַנ וואָרט, אַזוי האָט זי מאַקע געזאָגט.

— אָבאָרכאָ, — האָט א זאָג געטאָנ דער פאָטער פּערלאַמוטרי, אופ־הײבנדיק זיכ. — אַזוי גלאַט צושיקנ, שיקט מענ ניט צו, נאָר אָט: „אויב זי וועט אָנגיסנ“... — און ער האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ. — נו, גיב, אָקאָרשט, אהער דאָס כאַזער... אַלטס!

— קײנ נײַעס האָט מענ דאָכ נאָכ ניט געשאָכטנ, פאָטערל.

— דאָס ווײס איכ אָנ דיר, מע וואָלט אָבער געקאָנט צושיקנ א פּע־טער שטיקל... כאָטש אָנ אַלטס. גיב אהער דאָס פּלעשעלע. פאַרוואָס האָט עס דיר די מוטער קײנ גאַנצנ עמער ניט געגעבנ? מע קאָנ דענ אַזוי פיל אָנגיסנ?

— דאָס פּלעשעלע איז דאָכ די גרײס ווי צווײ פינגערהוטנ, ניט מער, פאָטערל. עס איז דענ פאַראַנ קלענערע?

דער גאַלעכ איז א ביסל געשטאַנענ, טראַכטנדיק וועגנ עפּעס.

— דו זאָג בעסער דער מוטער, זי זאָל אַלײנ קומענ. איכ וועל איר אַלײנ באַשמירנ. צו וואָס אָנגיסנ... צו וואָס?

אָבער דימקע האָט גענומענ שטאַרק דרײענ מיטנ קאָפּ.

— הם... וואָס דרײסטו מיטנ קאָפּ?

— גיסט אָנ, פאָטערל, גיסט אָנ, — האָט דימקע אײַליק א זאָג געטאָנ, — וואָרעמ די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט: „אויב מע וועט ניט געבנ, איז נעמ, דימקע, דאָס כאַזער און ברענג צוריק“.

— און דו זאָג איר: „דער, וואָס שענקט, זאָל ניט זשאַלעווענ זײַנ געשאַנק, אויב ניט וועט די מאַטאָנע ניט פאַרעכנט ווערנ פאַרנ ריבוינע־שעלוילעמ“. וועסט ניט פאַרגעסנ?

— כ'וועל ניט פאַרגעסנ!.. אָבער איר גיסט פונדעסטוועגנ אָנ, פאָטערל.

דער פאָטער פּערלאַמוטרי האָט אָנגעטאָנ די טופל אַפ די באָרוועסע פיס — דערבײַ איז דימקע איבעראַשט געוואָרנ פונ זײער מעשונעדיקער גרײס — און, מיטנעמענדיק מיט זיכ דאָס שטיק כאַזער, איז ער אַוועק מיטנ פּלעשעלע אינ א צווײטנ צימער.

— נאַ, אָט האָסטו דיר, — האָט ער א זאָג געטאָנ, אַרויסגײענדיק פונ צימער. — נאָר פונ מײַנ גוטנ האַרצנ גיב איכ עס דיר... — ער האָט א טראַכט געטאָנ און געפרעגט: — ײנגעלע, און די הינער לײגנ זיכ בא אײַכ?

— פון גוטן הארצן! — האָט זיך דימקע געבייזערט. — ווייניקער ווי א העלפט... — און ווען דער גאַלעך האָט איבערגעכאַפּט זײַן פּראַגע, האָט ער, שוין ארויסגייענדיק פון טיר, געענטפערט ערנסט: בא אונדז, פאַ־ סערף, זײַנען קיין היגער ניטאָ, נאָר העגער.

דערווײַלע האָט מען פון די רויטע גאָרניט געהערט, און די ייִנגלעך האָבן געמוזט זײַן אפ דער וואַך.

פונדעסטוועגן פלעגן זיי זיך אָפּט דורכגאַנווענען צו די שטאַלן און פלעגן שאָענלאַנג פארברענגען לעבן יעם אומבאקאַנטן.

ער פלעגט מיט זיי גערן שמועסן, פלעגט זיי דערציילן און אפילע זיך וויצלען מיט זיי. נאָר ווען־ניט־ווען, באזונדערס ווען מע פלעגט זיך צערײדן וועגן פראָנט, פלעגט זיך א טיפער קנייטש פארשנײַדן לעבן די ברעמען, ער פלעגט אנשווײַגן ווערן און א לאַנגע צײַט טראַכטן וועגן עפּעס.

— נו, וואָס הערט זיך, כעווריע, ניט געהערט גאָרנישט, ווי עס גייט דאָרט?..

„דאָרט״ — דאָס איז אפן פראָנט. אָבער איבערן דאָרט זײַנען ארומגע־ באַנגען אומרויִקע און פארשיידנאַרטיקע קלאַנגען.

און דער אומבאקאַנטער פלעגט דאַן ווערן פארכמורעט און נערוועז. און עס איז קענטיק געווען, אז פיל מער, ווי די קעס״ידערדיקע געפאַר, פיל מער, ווי די שרעק פאַר זײַן גורל, פּײַניקט אים דאָס ניט־וויסן, די אומעפיקײַט און די אומבאַשטימטקײַט.

ביידע ייִנגלעך האָבן זיך צו אים צוגעבונדן. באזונדערס דימקע. איינ־ מאָל, איבערלאָזנדיק אין דער היים די מוטער אין טרערן, איז ער גע־ קומען אין די שטאַלן א טרויעריקער און א פארכמורעטער.

— האָלאָווען שלאָגט.. — האָט ער געזאָגט. — איבער מיר טרײַבט ער די מאַמען, טאַטן אויך... ווען מע קאָן דאָס צום טאַטן קיין פיטער אזעק־ פאָרן... אָבער דאָס איז אומעגלעך.

— פאַרוואָס איז דאָס אומעגלעך?

— מע קאָן ניט דורכפאָרן: מע דאַרף האָבן פארשיידענע שײַנען. און בילעטן, ווו נעמט מען זיי? און אָן זיי קאָן מען ניט פאָרן.

דער אומבאקאנטער האָט א טראכט געטאָנ און האָט געזאָגט:

— ווענ די רויטע וואָלטנ דאָ געווענ, וואָלט איכ דיר, דימקע, גע־קראָגנ א שײַנ.

— דו?! — האָט זיכ דימקע פארוווּנדערט. א פּאָר מינוט האָט ער זיכ געקווענקלט און דערנאָכ א פרעג געטאָנ דאָס, וואָס עס האָט אים שוינ לאנג אינטערעסירט: — און ווער ביסטו?.. איכ ווייס: — דו ביסט א נאטשאל־ניק פונ קוילנוואַרפערס, ווײַל יענצמאָל איז לעבנ דיר געווענ א סאָלדאט מיט א „ליויס".

דער אומבאקאנטער האָט זיכ פאנאנדערגעלאכט און האָט א ווונק גע־טאָנ מיטנ קאָפּ אזוי, אז מע האָט עס געקאָנט פארשטיינ ווי יאָ און ווי ניינ.

און פונ דעמאָלט אָנ האָט דימקע נאָכ שטארקער געוואָלט, אז די רויטע זאָלנ וואָס גיכער קומענ. און צאָרעס איז בא אים געווענ אלצ מער און מער. טאָפּ, וואָס האָט גאָר פונ קיינ ראכמאָנעס ניט געוווּסט, האָט שוינ צום פינפטנ מאָל בא אים גענבעטנ אלצ נײַע און נײַע טשוועקעס, און ניט געקוקט דערויפ, וואָס ער האָט זיי באקומענ, האָט ער פונדעסטוועגנ פאַרט דער־ציילט דער מאמענ וועגנ דער ווורשט. אויסער דעמ, האָט די מאמע בא אים אינ די הויזנ־קעשענעס געפונענ רעשטלעכ מאכאָרקע, וואָס דימקע פלעגט ברענגענ דעמ פארוווּנדעטנ. נאָר דאָס ערגסטע האָט זיכ אויפגעוואל־גערט ערשט הײַנט. לעקאָוועד יאָנטעוו איז צו זיי אינ שטוב ארײַנ דער פּאָטער פערלאמוטרי נאָכ פרײַוווילוקע מאטאָנעס. שמועסנדיק אזוי, האָט ער פארבײַגייענדיק א זאָג געטאָנ צו דער מוטער:

— אינ דאָס כאזער־פּעטס איז פונדעסטוועגנ געווענ אלט. וואָלסט בא־דארפט געווענ נאָכ א צענדליקל אייער פאר דער רעפוע צושיקנ...

— וואָס פאר א רעפוע?

דימקע האָט זיכ גענומענ דרייענ אפנ בענקל און האָט זיכ אײַנגעהוי־קערט פונ די בליקנ, וואָס אלע האָבנ אפ אים געווענדט.

— דאָס האָב איכ... מאמע... פאר שמעליקנ... — האָט ער ניט זיכער א זאָג געטאָנ. — בא אים איז געווענ אזא מינ וווּנד...

אלע זײַנענ אנשווייגנ געוואָרנ, ווײַל האָלאָווענ האָט זיכ א רוק געטאָנ אפנ בענקל און א זאָג געטאָנ:

— היינט וועל איך דיין צוויג דערשיסן, — דערנאָך האָט ער צוגעגעבן, קוקנדיק דערביי מיט מאָדנע בליקן: — און אויסער אַלץ, וואָגסטו, דאַכט זיך, ליגן. — און האָט מער גאָרנישט ניט געזאָגט, אַפילו קיין קלאַפּ ניט געגעבן.

איז דאָס מעגלעך ראַטעווען אַ ייִדישער נישטיקער כמעט אַזאַ פֿײַערן בעדיקאַמענט? — האָט דער פּאָטער פּערלאַמוטרי ביז אַ זאָג געטאָן. — און אַזויווי דו האָסט געלייגט, האָסטו זיך פּאַרזינדיקט אײַנצוווייען: אַ פּאָר דער ערד אַ פּאָרן הימל. דערביי האָט ער פּילבאַדײַטנדיק אַ הייב געטאָן דעם גרויסן פֿינגער, אויפֿגעהויבן זײַן בליק פֿונעם ערדענעם דיל צו דער סטעליע און איבערצײַגנדיק זיך, אַז זײַנע ווערטער האָבן געמאַכט דעם גע-הערדיקן רושעם, האָט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו דער מוטער: — וועל איך, הייסט עס, באַקומען בײַ דיר אַ צענדליק אייער.

פּאַרנאַכט, אַרויסגייענדיק פֿון שטוב, האָט זיך דימקע אומגעקוקט און האָט באַמערקט, אַז האָלאָווען שטייט בײַם פּלויט און שפּירט אים נאָך מיט אויפֿמערקזאַמע בליקן.

דימקע האָט אומישנע פּאַרקערעוועט צום טײַכל.

— דימקע, מע רעדט שוין וועגן אונדזערן אין דאָרף, האָט איר זשיגאַן אַ זאָג געטאָן, בײַם זיי האָבן זיך געטראָפֿן, — אַז ער מוז דאָ, הייסט עס, ערגעץ נאָענט זײַן. ווײַל דאָס העמד... און אויסער דעם, האָט סיאָמקע דעם סטאַראָסטעס געפֿונען לעבן האָרפּינעס פּלויט אַ ביכעלע, אויך אַ פּאַרבלוטיקטס. איך אַליין האָב אים בלעטעלע געזען. אַ ווײַס בלעטל, און אין ווינקל בוכשטאַבן „ר. מ. ר." און ווײַטער שטעקעלעך, ווי אויף אַ זייגער.

דימקען האָט אויש דאָס בלוט אין קאָפּ אַ זעץ געטאָן.

— זשיגאַן, — האָט ער אויסגעשעפּטשעט, כאָטש אַרום איז קיינער ניט געווען, — מע באַדאַרף זײַן... זאָלסט ניט גיין אַהין גלײַך... גיי בעסער אַרום און אַרום. מע זאָל, כאָלילע, ניט אויסשפּירן.

זיי האָבן דערציילט וועגן דעם דעם אומבאַקאַנטן.

וואָס קאָן מען העלפֿן, — האָט ער געזאָגט, — זײַט נאָר פֿאָרזיכטי-קער, כעוורע. און אויב עס וועט ניט העלפֿן, איז פּאַרפֿאַלן... עס וואָלט זיך, עמעס, ניט געוואָלט אַזוי אומגעלומפּערט אומקומען...

— און אויב געלומפערם?

— ניטאָ, דימקע, אזא וואָרם. און אויב ניט אומזיסט, דאן מאכט ניט אויס.

— פאראן אפילע אזא מין ליד, — האָט זשיגאנ א זאָג געטאָן, — וועג ניט איצט, וואָלט איכ זי אויסגעזונגען, — א גוטע ליד. מע פירט א קאָ־סגניסט, און ער דערקלערט זיי, שטייענדיק באם וועגטל... מיר ווייסנ, זאָגט ער, פאר וואָס מיר קעמפנ. מיר ווייסנ אויכ פאר וואָס מיר שטארבנ... נאָר אויב מע זאָל עס מיט ווערטער דערציילנ, באקומט זיכ גאָרניט. אָבער אָט, אז די סאָלדאטנ זיינען אפנ פראָנט אוועק, נו, האָבנ זיי דאָס געזונגענ... אז אפילע די אייזנבאנער, אפילע זיי, זיינען געשטאנענ מיט צעעפנטע מיילער, אזוי נעמט עס באם הארצנ.

אהיים האָבנ זיי זיכ צוריקגעקערט איינציקוויינ. דימקע איז אוועק פריער; ער איז געוויסנהאפט אוועק צום טייכ, און פונ דאָרטנ אהיים.

אָבער זשיגאנ איז געווענ זאָרגלאָז ווי געוויינלעכ; ער האָט גענומענ באם אומבאקאנטנ זיינ פלאש אָנצושעפנ וואסער, האָט פארגעסנ, וואָס מע האָט אָפגערעדט, און איז אוועק מיטנ סאמע קורצנ וועג — איבער די גערט־נער. פארטראכטנדיק זיכ, האָט ער אָנגעהויבנ פייפנ און האָט טייקעפ אָפ־געהאקט, ווי נאָר ער האָט דערהערט, ווי עס האָט עמעס א כרוסטע געטאָנ לעבנ די קוסטעס.

— שטיי, מאזיק! — האָט עמעצער אויסגעשריענ. — שטיי, הונט!

ער איז דערשראָקנ אָפגעשפרונגענ, זיכ א וואָרפ געטאָנ אָנ א זייט, איז ארופגעשפרונגענ אפ עמעס א פלויט און האָט דערפילט, ווי עמעצער האָט אים שטייפ אָנגעכאפט פאר די הויזנ. מיט א מוירעדיקער אָנשטרענ־גונג האָט ער א שטויס געטאָנ אפ צוריק און האָט, ווייזט אויס, געטראָפנ עמעצנ מיטנ פוס אינ פאָנעם. און, אריבערוואָרפנדיק זיכ איבערנ פלויט אפ די קרויט־בייטנ, האָט ער ארויסגעלאָזנ דאָס פלעשל פונ האנט און האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אינ דער פינצטערניש.

דימקע איז געקומענ אהיים, ניט חיסנדיק פונ גאָרניט, און האָט זיכ טייקעפ געלייגט שלאָפנ. עס איז ניט אריבער קיינ צוואנציק מינוט אפילע, ווי האָלאָווענ איז ארייַנגעפאלנ אינ שטוב מיט א זידלערייַ און האָט זיכ גלייכ צעשריענ אפ דער מוטער:

— זאָל ער בעסער, דײַנ מאזיק, אהיים ניט קומענ... ער איז מיר אדײַנגעפאָרנ אינ פאָנעם מיטנ פוס... כ'וועל אים הארגענענ, דעם הונט.

— ווענ איז ער דאָס דיר פארפאָרנ? — האָט די מוטער א פרעג געטאָנ מיט שרעק.

— ווענ? אָקאָרשט ערשט.

— ער שלאָפט דאָך שוינ לאנג.

— אָט, א מאזיק. געקומענ, הייסט עס, שוינ צו לויפנ. א זעצ געטאָנ מיטנ קנאפל אינ פאָנעם, אונ זי זאָגט מיר — ער שלאָפט! — אונ ער האָט צעפראלט די טיר, לאָזנדיק זיך גיינ צו דימקענ.

— וואָס רעדסטו! — האָט די מאמע געזאָגט דערשראָקנ. — מיט וואָס פאר א קנאפל? ער גייט דאָך שוינ אום א באָרוועסער פונ וועסנע אָנ. ער האָט דאָך ניט קיינ שיך! ווער האָט אים געקאָנט קויפנ?.. ביסט פונ זינענ אראָפ, צי וואָס?

ווײַזט אויס, אז האָלאָווענ האָט אליינ אויך פארשטאנענ, אז דימקע האָט ניט קיינ שיך. ער איז געבליבנ שטיינ, האָט זיך אויסגעזידלט אונ איז ארײַנ אינ שטוב.

— הם.. — האָט ער א בורטשע געטאָנ, זיך אוועקגעזעצט אפנ בענקל אונ א וואָרפ געטאָנ דאָס פלעשל אפנ טיש. — א טאָעס געהאט.. אָבער ווער אונ ווו באהאלט אים אויס? דאָס העמד, די בלעטלעך, די פלאש... — דערנאָך האָט ער א ווײַלע געשוויגנ אונ האָט צוגעגעבנ: — אונ דעם הונט אײַערנ האָב איך פונדעסטוועגנ דערהארגעט.

— וואָס הייסט דערהארגעט?! — האָט איבערגעפרעגט די מוטער, וואָס האָט נאָך ניט באוויזנ קומענ צו זיך.

— גאָר פּאָשעט. א זעצ געטאָנ איבערנ קאָפּ, אונ א סאָפּ.

דימקע האָט זיך פארנורעט מיטנ פאָנעם אינ פעלצל. ארײַנגעשטעקט דעם קאָפּ טיפ אינ פוטער, האָט ער געצוקט מיטנ גאנצנ קערפער אונ האָט געוויינט שטיל אונ ביטער. ווענ אלצ איז שטיל געוואָרנ אונ האָלאָווענ איז אוועק אפנ היי־בוידעמ, איז צו דימקענ צוגעגאנגענ די מוטער אונ זעענדיק, אז ער שלוכצט, האָט זי בארויִקנדיק געזאָגט:

— נו, גענוג, דימושקע, עס לוינט דענ אזוי צו וויינענ איבער א הונט...

אָבער בא דער דאָזיקער דערמאָנונג האָט פאר דימקעס אויגנ נאָך קלאָרער

און דײַטלעכער זיכ אויסגעמאָלט די געשטאַלט פונעמ צערטלעכנ שמעל, ווי ער פּאָכעט מיטנ עק, און דימקע האָט זיכ נאָכ שטארקער אָנגעהויבנ צו טרייסלענ און האָט נאָכ טיפער פארוקט דעמ קאָפּ אינעמ פּעלצל, וואָס איז נאס געוואָרנ פונ טרערנ.

— עכ דו! — האָט דימקע א זאָג געטאָנ און מער האָט ער קיינ זאכ ניט געזאָגט.

אָבער זשיגאנ האָט דערפילט אינ אָט די ווערטער אזא צאר, אזא פאר־דראָס, אז ער האָט זיכ גאָר אינגאנצנ פארלאָרנ.

— איכ האָב דענ געוווּסט, דימקע?

— „געוווּסט“! און וואָס האָב איכ געזאָגט?.. שווער געווענ ארומגייב ארומ? און וואָס וועט זײַנ איצט? אָט פאריכט האָלאָווענ דעמ זאָטל, ער קלײַבט זיכ ערגעצ פאָרנ. אָבער וווּהינ? ניט אנדערש, אז צו ליאָווקענ אָדער נאָכ צו עמעצנ — קומט אָקאָרשט, הייסט עס, אפ אנ אונטערזוכונג!

דער אומבאקאנטער האָט אויכ א קוק געטאָנ אפ זשיגאנענ. אינ זײַנ בליק איז געווענ א לײַכטער פאָרוואורפ, און געזאָגט האָט ער מילד:

— גוטע כעוורע זײַט איר... — און איז אפילע ניט אינ כאס געוואָרנ, ווי עס וואָלט זיכ גערעדט ניט וועגנ אימ.

זשיגאנ איז געשטאנענ שווײַגנדיק, זײַנע אויגנ זײַנענ ניט ארומגעפלויגנ, ווי געוויינלעכ, אינ אלע זײַטנ, ער האָט ניט געהאט מיט וואָס צו פאר־ענטפערנ זיכ און ער האָט דאָס אויכ ניט געוואָלט. און ער האָט געענט־פערט פארכמורעט און ניט צו דער זאכ:

— און אינ שטאָט זײַנענ די רויטע. אוודאי דער בעטלער איז געקומענ. א סאכ, זאָגט ער, און מערסטנס אפ פערד. — דערנאָכ האָט ער אופגע־הויבנ די אויגנ און א זאָג געטאָנ אלצ מיט דער זעלבער שולדיקער און שטילער שטימ: — איכ וואָלט א פרווו געטאָנ... עפּשער וועל איכ זיכ דערקלײַבנ ווי־ניט־איז... איכ וועל נאָכ באווײַזנ...

דימקע האָט זיכ פארוווּנדערט. עס האָט זיכ פארוווּנדערט דער אומבא־קאנטער, ווענ ער האָט דערזענ, ווי עס האָבנ זיכ אפ אימ ערנסט אָנגע־שטעלט דעמ ייִנגלס גרויסע און טונקעלע אויגנ. און מער פאר אלעמענ

האָט זיך פאַרווונדערט זשיגאַנ אַליינ, פונוואַנענ האָט זיך דאָס גענומענ צו אים אזא מינ אנטשלאָסנקײַט.

אזוי האָבנ זיי טאקע באַשלאָסנ. דער אומבאַקאַנטער האָט אַרויסגעריסנ א בלעטל פונ זײַנ ביכל. אונ בײַס ער האָט געשריבנ, האָט דימקע דערזענ אינ לינקנ ווינקל די זעלבע סוידעספּולע בוכשטאַבנ „ר.מ.ר" אונ דערנאָכ שטעקעלעכ ווי אפ א זייגער.

— אָט, — האָט ער א זאָג געטאָנ, דערלאַנגענדיק, — נא, זשיגאַנ... איכ שטעל דאָ אַליור, דרײַ ציילעמלעכ. מיט דעם דאַזיקנ צייכנ וועט יעדער סאָלדאַט, באַנאַכט צי באַטאָג, דאָס אָפּגעבנ גלײַכ דעם נאַטשאַלניק. נאָר זע, פאַל ניט ארײַנ.

— דו פיר ניט אונטער, — האָט צוגעגעבנ דימקע, — אַניט נעם זיך אײַנגאַנצנ ניט אונטער... גיב אהער, וועל איכ.

נאָר בא זשיגאַנענ האָבנ זיך שוינ ווידער אָנגעצונדנ די אויגנ, אונ ער האָט געענטפערט מיט א נאָטקע פונ זײַנ פריִערדיקער באַרימערײַ:

— איכ ווייס אַליינ... מיר איז דאָס דענ צום ערשטנ מאָל, צי וואָס?

אונ אַרויסשפּרינגענדיק דורכנ לאָכ פונ שטאַל, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אינ אַלע זײַטנ אונ, ניט באַמערקנדיק קיינ זאַכ, וואָס זאָל אַרויסרופנ א כשאַד, האָט ער זיך געלאָזט גיינ באַם ראַנד, איבערשנײַדנדיק דעם וועג.

די זונ איז הויכ געשטאַנענ איבערנ ניקאָלסקער וואַלד, ווענ זשיגאַנ איז אַרויסגעלאָפנ אפנ וועג אונ ווענ פאַרבײַ זשיגאַנענ האָט זיך מיטנ זעלבנ וועג דורכגעטראָגנ אינ גאַלאָפּ האָלאָווענ.

ניט ווײַט פונעם וואַלד־ראַנד האָט זשיגאַנ אָנגעיאָגט פורנ, אָנגעלאָדענע מיט מעל אונ כאַזער־פעטס. אפ די וועגענער זײַנענ געזעסנ א מאַנ פינפ מיט ביקסנ. די פורנ האָבנ זיך געשלעפּט פּאַמעלעכ, אונ זשיגאַנ האָט זיך געדאַרפט אײַלנ, דעריבער האָט ער זיך פאַרקערעוועט אינ די קוסטעס אונ איז אַוועק ווײַטער ניט מיטנ וועג, נאָר מיטנ ראַנד פונעם וואַלד.

עס האָבנ זיך אים געטראָפנ לאָנקעס, פאַרוואַקסענע מיט הויכע געלע בלומענ, אינ שאָטנ האָבנ געזשומעט פליגנ. עס האָבנ אַרויסגעקוקט יאַגעדעס פונ ווילדע מאַלינעס. גייענדיק האָט ער אַראָפּגעריסנ א פּאָר, אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אפ קיינ איינ מינוט.

„דורכגעשפּאַנט אַ חיאָרסט פינף! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — עס וואָלט גום געווען ווײַטער אַזוי, אָן אַן אָפּהאַלט". די צווײַגן האָבן פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג, און ער איז אַרויס אפן וועג.

ער האָט פאַרקערעוועט צום וועג און האָט זיך פאַרזשמורעט. גלײַך אַקעגן אים האָבן אַ שפּריץ געטאָן די געדיכטע רויטלעכע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון. פונעם שפּיץ פון אַ הויכן קליאָן האָט אין אָונטי־קער שטילקייט הילכיק אַ פּײַפּ געטאָן עפּעס אַ פויגל, און עס האָט עפּעס אַ פלאַטער געטאָן צווישן די צווײַגן פון די קוסטעס.

— היי! — האָט ער דערהערט אַ שטילן רוף.

ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט קיינעם ניט דערזען.

— היי, יינגעלע, קום אַהער!

און ער האָט דערזען צוויי מענטשן מיט ביקסן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן הינטער אַ קליינעם סטויג היי באַם ראַנד פון וועג, זיי האָבן עפּעס אָפּגעוואַרט. אָן אַ זײַט, באַ די ביימער, זײַנען געשטאַנען זייערע פערד.

ער איז צוגעגאַנגען צו זיי.

— פונוואַנען גייסטו?.. וווהין?

— פונוואַנען... — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך פאַרהאַקט, צוטראַכטנדיק וואָס צו זאָגן ווײַטער. — פון כוטאָר גיי איך. אַ בעהיימע אַנטלאָפן... עפּשער האָט איר באַגעגנט? אַ רויטע און איינ האָרנ איז באַ איר אַראָפּגעזעגט. אַפּ מײַן וואָרט, ווי אײַנגעזונקען געוואָרן, און אָן דער בעהיימע קאָן איך גאָר אַהיים ניט קומען.

— ניין, ניט געזען... אַ קעלבל האָט דאָ אַרומגעבלאָנקעט, האָבן עס אונדזעריקע נאָך נעכטן אופגעפרעסן... און דו האָסט עפּעס פורן אפן וועג ניט באַגעגנט?

— עס פאָרן עפּעס פורן... זיי דאַרפן שוין זײַן דאָ נאָענט.

די לעצטע ידיעה האָט זייער שטאַרק פאַרינטערעסירט די מענטשן, ווײַל זיי האָבן זיך אין אײַלעניש אַ לאָז געטאָן צו די פערד.

— קריך! — האָט אַ געשריי געטאָן איינער, צופירנדיק די פערד. — וועכט זיך זעצן צו מיר אפן רוקן.

— איך דארף אהיים, בא מיר איז א בעהיימע... — האָט ווייִנענדיק געשריִען זשיגאַן, — ווו וועל איך פאָרן?..

— קריך, וווּהין מע הייסט דיר. מיר וועלן דיך דאָ ניט ווײַט אראָפלאָזן. אניט וועסטו זיך נאָך ארויסרייִדן פאר די פורמאנעס.

אומזיסט האָט זשיגאַן געטײַנעט, אז בא אים איז א בעהיימע פארפאלן געוואָרן, אז ער מוז אהיים און אז ער וועט קיין וואָרט ניט זאָגן די פורמאנעס, — עס האָט גאָרנים ניט געהאָלפן. און אומגעריכט פאר זיך האָט ער זיך געפונען הינטער דער פלייצע בא איינעם פון די גרינע. געפאָרן איז מען גיך: אן אנדערשמאָל וואָלט עס אים פארשאפט בלויז גרויס פארגעניגן. אָבער איצט גאָר ניט, באזונדערס, ווען ער האָט פארשטאנען פון עטלעכע אָפגעהאקטע ווערטער, אז זיי וועלן צופאָרן צו ליאָווקעס אָטריאד, וואָס וואַרט אפ עפּעס אין וואלד. „און טאָמער איז האָלאָווען דאָרט, — האָט בא אים א בליץ געטאָן א געדאנק, — און מע וועט זיך טייקעף דערוויסן, וואָס וועט דעמלט זײַן?" און קימאט ניט פארטראכטנדיק זיך, אונטערן אײַנדרוק פון דער גרויזאמער שרעק, וואָס איז אים באפאלן, איז ער אראָפגעפלויגן, ווי א קנויל, פון פערד און האָט זיך געלאָזט לויפן אָן א זײַט פון וועג.

— וווּהין טראָגט דיך, דו מאזיק איינער — האָט איינער האסטיק אָפגעשטעלט דאָס פערד און האָט אָנגעצילט די ביקס.

עס קאָן זײַן, אז זשיגאַן וואָלט גאָר ניט באוויזן דערלויפן ביז די ביימער, ווען דער צווייטער וואָלט ניט א כאפ געטאָן דעם כאווער זײַנעם פארן האנט און וואָלט ניט אויסגעשריִען בייז:

— שטיי, נאר איינער... שיס ניט: וועמט קאָליע מאכן דעם גאנצן איניען.

זשיגאַן איז ניט ארײַנגעלאָפן, נאָר ער האָט זיך מאמעש ארײַנגעשניטן אין דער וואלד-געדיכטעניש. געלאָפן גלײַך איבער דער געדיכטעניש, געשפרונגען אריבער קוסטעס, אלץ טיפער און טיפער. און ערשט דאן, ווען ער איז געבליבן שטיין בא א דורכויסיקער וואנט ציטערביימער און האָט פארשטאנען, אז אהער קאָנען די רײַטער בעשום־אופן ניט צוקומען, ערשט דאן האָט ער זיך אָפגעשטעלט איבערכאפן דעם אָטעם.

„ליאָווקע! — האָט ער א טראכט געטאָן. — ניט אנדערש, אז צו אים איז

דאָס האָלאָוועג געפאָרג. — אונ טייקעפ האָט אים פארכאפט באַם האַרצג. — זיי זאָלג כאָטש ניט באווייזג ביזוואנענ עס ווער פינצטער ווערנ: באנאכט ווער מענ אלציינס ניט געפינענ, אונ אינדערפרי וועלנ עפשער די רויסע"...

— פונ דער זייט, פונוואנענ ער איז אנטלאָפג, האָט זיך דערטראָגנ א זאלפ, נאָך איינער... אונ עס האָט זיך אָנגעהויבנ.

„דאָס איז מיט די פורמאנעס, — האָט ער זיך אָנגעשטויטנ. — מע דארפ וואָס גיכער, אונ דאָ נא דיר, לויפ אָנ א וועג".

אָבער דער וואלד איז אינגיכנ שיטערער געוואָרג, אונ בא אים אונטער די פיס האָט זיך ווידער באוויזג דער וועג. זשיגאנ האָט אָפגעאָטעמט אונ האָט זיך געלאָזג לויפג ווייטער. עס איז ניט אריבער קיינ צוואנציק מינוט, אונ עס איז ארויסגעשפּרונ פונקט אנטקעגנ אים עפעס אנ אָטריאד, וואָס האָט זיך ערגעצ געיילט. ער האָט ניט באוויזג קומענ צו זיך, די רייטער האָבנ אים שוינ ארומגערינגלט פונ אלע זייטנ. ער האָט א הייב געטאָנ די דערשראָקענע אויגנ אונ איז שיר ניט געפאלנ פונ שרעק, דערזעענדיק צווישנ זיי האָלאָוועג. נאָר צי דערפאר, ווייל יענער האָט געזענ זשיגאנעג סאכאקל איינ מאָל אָדער צוויי, צי דערפאר, ווייל ער האָט זיך ניט גע־ריכט צו באגעגענג זיך דאָ מיטג ייִנגל, צי, ענדלעך, גאָר דערפאר, וואָס ער איז געווענ פארטאָנ מיט אונטערציִענ דעם רימענ פונעמ שלעכטנ, אייג איילעניש ארופגעלייגטנ זאָטל, נאָר האָלאָוועג האָט אפ אים ניט גע־לייגט קיינ שום אכט.

— ייִנגל — האָט אים א פרעג געטאָג איינער, א גראָבער אונ מיט גרויסע גרוילעכע וואָנצעס, — וווהינ טראָגט דיך דער רועך?

— פונ כוטאָר... — האָט אָנגעהויבנ זשיגאנ. — א בעהיימע איז בא מיר... א שוואַרצע מיט פלעקנ...

— לייגסט! דאָ איז גאָר קיינ כוטאָר ניטאָ!

האָט זיך זשיגאנ נאָך מער דערשראָקנ אונ האָט געענטפערט, פארהאקנ־דיק זיך:

— ניינ, ניט דאָ... נאָר אז מע האָט גענומענ שיסנ, האָב איך זיך דערשראָקנ אונ בינ אנטלאָפנ.

— געהערט? — האָט איבערגעשלאָגנ דער ערשטער. — איך האָב דאָך געזאָגט, אז מע שיסט ערגעצ.

— אפּ מײַן װאָרט, מע האָט געשאָסן, — האָט זשיגאַן, װאָס האָט זיך אָנגעהױבן אָנשטױסן װעגן װאָס ס׳האַנדלט זיך, גענומען רײדן, — אפּ ביי קאָלסקער װעג. דאָרטן האָבן פּױערים פאַר קאָזאָלופן געפירט פּראָדוקטן. און ליאָװקעס בעזורע זײַנען זײ באַפאַלן.

— װאָס הײסט באַפאַלן?! — האָט זיך יענער בײז צעשריגן. — װי אַזױ האָבן זײ געװאַגט, די הינטישע זין?

— אפּ מײַן װאָרט באַפאַלן... כ׳האָב אַלײן געהערט: זאָל ער פּײגערן, זאָגן זײ, קאָזאָלופּ... אַ צו פּעטער ביסן פאַר אים... ער פרעסט זיך אַזױ אױך איבער, דער אַלטער טײַװל...

— איר האָט געהערט?! — האָט זיך צעבװשט דער גרינער. — דאָס פרעס איך זיך איבער!

— פרעסט זיך איבער, — האָט באַשטעטיקט זשיגאַן, װאָס די צונג האָט בא אים גענומען אַרבעטן, װי אַ מיל. — אױב, זאָגן זײ, ער װעט זיך נאָר אַ רוק טאָן, װעלן מיר אים דערמאָנען... װאָס גײט עס מיר אָן? דאָס זײַנען אַלץ זײערע רײד.

באַהאַלטנדיק זיך הינטער די אױסגעטראַכטע רײד, װאָלט זשיגאַן געקאָנט אַרױסשיסן נאָך עטלעכע צענדליק װערטער, װאָס זאָלן באַלײדיקן קאָזאָלופּס קאָװעד. נאָר יענער איז אױפגעבראַכט געװאָרן ביז נאָר און האָט דעריבער צאָרנדיק אַ בריל געטאָן:

— אפּ די פערד!

— און װאָס טוט מען מיט אים? — האָט עמעצער אַ פרעג געטאָן, אָנװײַזנדיק אפּ זשיגאַנען.

— דערלאַנגן אים אײן מאָל מיט דער נאַהײַקע, ער זאָל מער ניט קאָנען הערן אַזעלכע רײד.

דער אָטריאַד איז אװעקגעריסן אין אײן ריכטונג, און זשיגאַן, װאָס האָט אומזיסט און אומגישט באַקומען אַ שמיץ אין פּלײצע, האָט זיך אװעקגעטראָגן אין אַן אַנדער ריכטונג, פרײענדיק זיך, װאָס ער איז אַזױ לײַכט אָפּגעקומען.

„באַלד װעלן זײ זיך צוזאַמענקומען, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן לוסטיק. — און ביזװאַנען זײ װעלן פאַרשטײן װאָס־װאָס, װעט װערן נאַכט". ס׳איז אַריבער דער פאַרנאַכט. עס האָבן אױסגעשאָסן די שטערן, עס

האָט אראָפּגעניִדערט די נאַכט. און זשיגאַן איז דאָ געלאָפֿן, דאָ געגאַנגען, שווער אָטעמענדיק, דאָ פּלעגט ער זיך א ווײַלינקע אָפּשטעלן — אָפּכאַפּן דעם אָטעם. איינמאָל, דערהערנדיק א ריטמיש ריזלען, האָט ער אָפּגעזוכט אין דער פֿינצטער א קוואַל און האָט א זופּ געטאָן, א צעהיצטער, עטלעכע שלונג קאַלט וואַסער. איינמאָל האָט ער זיך א וואָרף געטאָן א דערשראָקענער, אַנשטויסנדיק זיך אָפּ אַן אײַנגעבויגענעם פֿאַריאָסעמטן צײַלעם באַם וועג. און ביסלעכווײַז האָט ער גענומען אַרײַנפֿאַלן אין פֿאַרצווייפֿלונג. לויפֿסט און לויפֿסט, און עס איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין סאָף. עפּשער האָט ער פֿאַרבלאָנדזשעט. געדאַרפֿט כאָטש א פֿרעג טאָן עמעצן.

עס איז אָבער ניט געווען בא וועמען צו פֿרעגן. עס האָט זיך ניט באַגעגנט אין וועג ניט קיין פֿויערים אַף פֿוילע אָקסן, ניט קיין שניטער, וואָס זיצן אַרום א שײַטער, ניט קיין יינגלעך אַף פֿערד, ניט קיין פֿאַרשפּעטיקטע דורכגייער פֿון שטאָט. פּוסט און שווײַגנדיק איז געווען דער פֿינצטערער וועג. און נאָר דער סאָלאָוויי האָט געשמאַק געזונגען, נאָר ער אַליין האָט קיין מוירע ניט געהאַט און האָט הילכיק געלאַכט איבער די נאַכט־שרעקן פֿון דער שטיל געוואָרענער ערד.

און אָט, דעמלט, ווען זשיגאַן האָט שוין גאָר פֿאַרלאָרן יעדע האָפֿענונג אָנצוקומען כאָטש וווּהין־ניט־איז, האָט זיך דער וועג צעטיילט אַפּצווייען.

„א נײַע צאָרע! אַף וועלכן וועג גייט מען איצט?" און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

גאַ־גאַ... — האָט זיך דערטראָגן צו אים א שטילער געמורמל.

„געגנדן!" האָט ער שיִר ניט אויסגעשריִען. און ערשט איצט האָט ער דערזען קימאַט לעבן זיך, הינטער די קוסטעס, א קליינינקן כוטאָר.

עס האָט זיך שטאַרק צעבילט א הונט, ווי צו דער שטוב וואָלט צוגעקומען ניט קיין יינגעלע, נאָר א בער. עס האָבן זיך צעכריוקעט די אויפֿגעוודערטע כאַזיירים, און זשיגאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— היי! היי! עפֿנט!

לעכאַטכילע האָט מען געשוויגן. דערנאָך האָט זיך אין שטוב דערהערט א הוסטערײַ, א פּאָרקערײַ, און א פֿרויען־שטים האָט שטיל א זאָג געטאָן:

— גאָט מײַנער! וועמען נאָך האָט עס אַהער געבראַכט צו טראָגן?

— עפֿנט! — האָט זשיגאַן אויסגעשריִען נאָכאַמאָל.

אָבער ניט אזױ צײַט איז דאַנ געװענ, מע זאָל אום האלבע נאַכט עפע־נענ דעם ערשטנ בעסטנ. אונ עמעצנס א הײזעריקער באַס האָט פארשלאָפּנ א פרעג געטאָנ:

— װער איז דאָרטנ?

— עפנט. דאָס בינ איכ, זשיגאַנ.

— צו אַלדי רוכעס, װאָס איז דאָס פאַר א זשיגאַנ? אָט װעל איכ דיר א קנאַל טאָנ פונ דער בערדאַנקע דורכנ טיר!

זשיגאַנ איז טײקע אָפגעשפּרונגענ אָנ א זײַט אונ פארשטײענדיק, אז ער האָט זיכ באַנאַרעשט, האָט ער אויסגעשריִענ:

— ניט קײנ זשיגאַנ! ניט קײנ זשיגאַנ... דאָס איז בא מיר אזױ צו־נעמעניש... מע רופט מיכ װאַסקע... איכ בינ דאָכ נאָכ א קלײנער... אונ איכ װאָלט נאָר פרעגנ געװאָלט, מיט װעלכנ װעג גײט מענ אינ שטאָט.

— דער, װאָס בא דער זײַט, פירט אינ שטאָט, אונ דער צװײטער — קײנ פּאָדובאָװקע.

— זײ זײַנענ דאָכ בײדע בא דער זײַט!.. דורכנ טיר קאָנ מענ דענ פארשטײנ!

װײַזט אויס, אז מע האָט זיכ פּעיאַשעװ געװענ, געשװיגנ א װײַלע הינטערנ טיר.

— איז גײ צו צום פענצטער, פונ דאָרטנ װעל איכ דיר װײַזנ. אַרײַנ־לאָזנ... דאָס ני־יט! ס'מאַכט ניט אויס, װאָס דו ביסט א קלײנינקער. עס קאָנ זײַנ, אז הינטער דיר באַהאַלט זיכ אויכ א גרױסער בוהײַ.

עס האָט זיכ געעפנט א פענצטער, אונ מע האָט זשיגאַנענ באַװיזנ דעם װעג.

— דאָ ניט װײַט. סאַכאַקל א װיאָרסט פונדאַנענ. טײקע נאָכנ װאַלד־ראַנד.

— אָט דאָס גאָר!

אונ באַגליקט מיט האָפענונג, האָט זיכ זשיגאַנ װידער געלאָזט לױפנ.

אפ די קרומע געסלעכ האָט אים גלײַכ אָפגעשטעלט א פּאַטרול אונ האָט אים באַװיזנ דעם שטאַב. דער פארשלאָפענער רויטאַרמײער האָט אַז כײשעק געענטפערט:

— וואָס פאַר אַ צעטל איצט? קום אינדערפרי. — אָבער דערזען די צילעמ־לעכ מיט דעם עקסטרע אליור, האָט ער גענומען דאָס צעטעלע און האָט אַ רוק געטאָן:

— היי, ווער איז דאָרט דאָ!.. וווּ איז דער דעזשורנער?

דער דעזשורנער האָט אַ קוק געטאָן אויף זשיגאַנען, צעעפנט דאָס פּאַ־פּירל און, באַמערקנדיק אין לינקן ווינקל אַלץ די זעלביקע סוידעספּולע בוכשטאַבן: „ר.מ.ר.״, האָט ער טייקעף צוגערוקט דעם לאָמפּ. און ווי נאָר ער האָט עס דורכגעלייענט, איז ער גלייך צו צום טעלעפאָן: „דעם קאָ־מאַנדיר!.. דעם קאָמיסאַר!״ — און אַליין האָט ער האַסטיק אָנגעהויבן אַרומ־לויפן איבערן צימער.

עס זײַנען אַרײַנגעגאַנגען צוויי מענטשן.

— עס קאָן נישט זײַן! — האָט איינער פון זיי אויסגעשריִען פאַרוווּנדערט.

— ער!.. פאַרשטייט זיך, ער! — האָט פריידיק אויסגעשריִען דער צווייטער. — זײַן אונטערשריפט, זײַן בלאַנק. ווער האָט עס געבראַכט?

און ערשט איצט האָבן זיי זיך אומגעקוקט אויף זשיגאַנען, וואָס איז שטיל געזעסן אין אַ ווינקעלע.

— ווי זעט ער אויס?

— אַ שוואַרצער... אין שטיוול... און אַ שטערנדל איז בײַ אים צו־געשפּיליעט. און פון שטערנדל — אַ רויט פּאָנעלע.

— נו יאָ, יאָ, דער אָרדען!

— מע דאַרף זיך אָבער צוײַלן, — האָט צוגעגעבן זשיגאַן: — עס נעמט באַלד טאָגן... דעמלט קאָנען אים די באַנדיטן... דערהאַרגענען, אויב זיי וועלן אים געפינען.

וואָס דאָ האָט זיך עס אָפּגעטאָן! אַלע האָבן גענומען לויפן, זיך אײַלן, עס האָבן זיך צעקלונגען די טעלעפאָנען, עס האָבן זיך צעטופּעט די פערד, און צווישן דעם גאַנצן טומל האָט דער פאַרמאַטערטער זשיגאַן דערהערט ווערטער, וואָס האָבן זיך עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט: „פאַרשטייט זיך, די אַרמיי!.. ער!.. רעוואָלוציאָנס!״

עס האָט זיך צעטרומײטערט שנעל דער טרומייט, און עס האָבן געגר־מעט ציטערן די שויבן פון דער טופּערײַ פון די פערד.

— ווו? — איז, האַסטיק צעפּראַלנדיק די טיר, אַרײַנגעלאָפן אַ באַ־

האָפּנטשער דער קאָמאַנדיר מיט אַ מאַרזער און מיט אַ שװערד,— דאָס ביסטו, ייִנגעלע?.. װאַסילטשענקאָ, װעסט אים נעמענ צו זיך אַפנ פערד...

זשיגאַנ האָט נאָכ ניט באַװיזנ אַרומצוקוקנ זיך, האָט אים שוינ עמעצער מיט פעסטע הענט אַ הייב געטאָנ פונ דער ערד און אַרופגעזעצט צו זיך אַפנ פערד. און עס האָט זיך װידער צעזונגענ דער טרומייט.

— לעבעדיקער! — האָט עמעצער באַפעלעריש אַ געשריי געטאָנ פונ גאַנעק. — איר מוזט באַװײַזנ צו דער צײַט!

— דערלאַנג! — האָבנ צענדליקער שטימעס װי אַ װידערקאָל געענט־פערט פונ די פערד.

דערנאָכ:

— אַ־אַרש!

און אַראָפּגעריסנ זיך האַסטיק פונ אָרט, האָט זיך דער קאַװאַלעריע־אָטריאַד אײַנגעשניטנ אינ דער פינצטערניש.

און דער אומבאַקאַנטער מיט דימקענ האָבנ מיט אומרו געװאַרט און זיך אָנגעשטרענגט צוגעהערט צו אַלצ, װאָס אַרום קומט פאָר.

— גיי בעסער אַװעק אַהיים,— האָט דער אומבאַקאַנטער עטלעכע מאָל פאָרגעלייגט דימקענ.

אָבער אַפ יענעמ איז אַ מינ אַקשאָנעס אַרופ.

— ניינ,— האָט ער געשאָקלט מיטנ קאָפּ,— כ'װעל ניט גיינ.

ער איז אַרויסגעקראָכנ פונעם שפּאַלט, האָט פאַנאַנדערגעשאַרט דאָס שטרוי, פאַרשטעלט דערמיט דעם אַרײַנגאַנג און האָט זיך מיט גרויס מי אַרײַנגעשפּאַרט צוריק.

ער איז געזעסנ שװײַגנדיק. איינ מאָל נאָר האָט דימקע אַ זאָג גע־טאָנ, און דאָס אויכ ניט אַנטשלאָפנ:

— איכ האָב דער מאַמענ געזאָגט: עס קאָנ זײַנ, זאָג איכ, אַז מיר װעלנ צום טאַטנ אײַנגיכנ פאָרנ, האָט זי זיך שיר ניט דערװאָרגנ. און דער־נאָכ אַז זי האָט עס גענומענ שרײַענ אַפ מיר: „װאָס בעבעסטו נאָר אומ־זיסט!"

— װעסט פאָרנ, דימקע, װעסט פאָרנ. אַבי נאָר...

אָבער דימקע פילט אַליינ, װי גרויס און גרויזאַם עס איז דער „אַבי"

נאַר", אונ דעריבער זיצט ער אַזוי שטיל אינ שטרוי, טראַכטנדיק וועגנ עפּעס.

עס איז צוגעגאַנגען דער אָוונט. אינעם פּוסטנ שטאַל האָט שאַרפער אונ שאַרפער זיך אויסגעטיילט די שוואַרצע פּוסטקייט פונ די איינגעפאַלענע ווינקלען. אונ עס האָבנ זיך צעפלאָטנ אינ דער דאָזיקער פּוסטקייט די רעשטנ שייִנ, וואָס האָבנ זיך דורכגעשלאָגנ דורך די שפּאַלטנ.

— הער זיך איינ!

דימקע האָט אויש אויפגעציטערט.

— כ'הער!

אונ דער אומבאַקאַנטער האָט שטאַרק צונויפגעדריקט זיינע אַקסלען.

— אָבער ווער איז דאָס?

הינטערנ דאָרף, אינ פעלד, האָבנ זיך זאַלטנ צעקנאַלט, אָפט, אומגעלומפּערטע. אונ דער ווינט האָט זיי דערטראָגנ אַהער, ווי דומפּע קלעפּ פונ קינדערשע שפּילצייג-האַרמאַטנ.

— עפּשער זיינענ דאָס די רויטע?

— ניינ, ניינ, דימקע! פאַר די רויטע איז עס נאָך צו פרי.

אַלץ איז שטיל געוואָרנ. עס איז אַריבער נאָך אַ שעה. אונ די טופּעריי אונ די געשרייענ, וואָס האָבנ אָנגעפילט דאָס דערפל, האָבנ דערטראָגנ צו די שטאַלנ אַ דראָענדיקע ידיעה וועגנ דעם, אַז עמעצער איז שוינ דאָ, גאָר נאָענט.

די שטימענ האָבנ זיך דאָ דערנענטערט, אונ אָט האָבנ זיי זיך דערהערט גאָר נאָענט.

— איבער די קעלערס אַריך? אונ אינ די שטאַלנ? — האָט געפרעגט עמעצנס אַ שאַרפע שטימ.

— אומעטום, — האָט דער אַנדערער געענטפערט. — אָבער מיר דאַכט, אַז ביכער פאַר אַלץ דאַרפ ער דאָ ערגעץ זיינ.

— חבֿלאָוועג, — האָט דימקע דערקענט, אונ דער אומבאַקאַנטער האָט אויפגעשטרעקט זיינ האַנט, אונ עס האָט עפּוואָס אַ פינקל געטאָנ אינ דער פינצטער דער קילבלעך-רויִקער נאַגאַנ.

— פינצטער, צו אַלדי רוכעס! געפּאַסטערט אַזױפיל צייט איבער ליאָווקענ.

— פינצטער! — האָט עמעצער איבערגעכאזערט. — מע קאָנ דאָ ברעכנ האלדז־אונ־נאקנ. איכ האָב געפרואווט קריכנ אינ איינ שטאל, האָבנ זיכ אפ מיר א שאָט געטאָנ ברעטער פונ אויבנ... שיר ניט אינ קאָפ אריינ.

— אונ דאָס אָרט איז א גוטס. עפשער זאָלנ מיר דאָ איבערלאָזנ א פאָנ פינפ ביז באגינענ?

— לאָז איבער.

ס'איז געוואָרנ א האָר לייכטער אפנ הארצנ. עס האָט זיכ דערוועקט א האָפענונג. דורכ איינעם פונ די שפאלטנ האָט זיכ געזענ, ווי עס האָט אויפגעפינקלט ניט ווייט פונדאנענ א שייטער. קימאט סאמע צו דער פאר־וואלגערטער טיר איז צוגעגאנגענ א פערד אונ האָט אָנ כיישעק א קיי געטאָנ א ביסל שטרוי.

דער באגינענ איז לאנג ניט געקומענ... ענדלעכ האָט אופגעציטערט דער באגינענ, עס איז מוטנע געוואָרנ די שיינ פונ די שטערנ.

אינגיכנ וועט זיכ אָנהייבנ די אונטערזוכונג. זשיגאנ האָט ניט באוויזנ אָדער ער האָט גאָר ניט געקאָנט דערגיינ אהינ.

— דימקע, — האָט א שעפטשע געטאָנ דער אומבאקאנטער, — באלד וועט מענ אָנהייבנ זוכנ. אינ יענער זייט, ווו עס איז איינגעפאלנ דער פויער, איז פאראנ א קליינע לאָכ בא דער ערד. דו ביסט א קליינינקער, וועסט דורכקריכנ. פויזע אהינ.

— אונ דו?

— אונ איכ וועל בלייבנ דאָ... אונטער די ציגל, דו ווייסט ווו, האָב איכ באהאלטנ דאָס רענצל, דעם שטעמפל אונ א קוויטעלע וועגנ דיר... גיב אָפ די רויטע, ווענ זיי זאָלנ ניט קומענ. נו, פויזע גיכער אוועק. — אונ דער אומבאקאנטער האָט פעסט, ווי א גרויסנ, געדריקט דימקענ די האנט אונ אָפגעשטויסנ אימ שטילערהייט פונ זיכ.

אונ דימקענ האָבנ טרערנ געשטיקט אינ האלדז. ס'איז געווענ אי שרעקלעכ, אונ אי עס האָט אימ באנק געטאָנ לאָזנ דעם אומבאקאנטנ איינעם אליינ. מיט פארביסענע ליפנ, שלינגענדיק די טרערנ, האָט ער אוועקגעפויזעט, ספאָטיקענדיק זיכ אָנ די צעוואָרפענע רעשטנ פונ די ציגל.

— טארא־טא־טאכ! — האָט פלוצלינג דורכגעשניטנ די לופט — טארא־טא־טאכ! בא־באכ!.. טיו־או, טיו־או... — האָט א פייפ געטאָנ איבער די שטאלנ.

אַז די געשרייען, אַז די טופּערײַ, אַז דער הילכיקער ווידערקאָל פֿון די געפּלאַצטע קײַלן פֿון די קוילנוואַרפֿערס — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט זיך אַזוי אויסגעריכט אַרײַנגעשניטן, צעריסן די באַגײַסטערטע שטילקײַט און צו־זאַמען מיט דעם אויך דאָס לאַנגע וואַרטן, אַז דימקע געדענקט שוין אַליין ניט, וויאַזוי ער איז ווידער צוגעקומען צום אַרומבאַקאַנטן. און ניט האָבנדיק מער קיין קויעך אײַנצוהאַלטן זיך, האָט ער זיך הויך, הויך צעוויינט.

— וואָס וויינסטו, נאַר דו איינער? — האָט יענער פֿריידיק אַ פֿרעג געטאָן.

— דאָס זײַנען דאָך ווי... — האָט דימקע געשמײכלט און ניט אויפֿגע־הערט וויינען.

און עס זײַנען נאָך ניט אָנגעהויבן געוואָרן די זאַלפֿן הינטערן דאָרף, מע האָט נאָך ערגעץ געשריִען, און לעבן שטאַל האָבן שוין געטופּעט פֿערד. און אַ באַקאַנטע האָזעדיקע שטים האָט געשריִען:

— אהער! אָט־אָ־דאָ! ווו טראָגט אײַך דער רוח?

די סנאָפּעס זײַנען אָפּגעפֿלויגן אָן אַ זײַט. עס האָט זיך אַרײַנגעריסן שײַן דורכן שפּאַלט. און עמעצער האָט אַ פֿרעג געטאָן אומרויִק און האַסטיק:

— איר זײַט דאָ, כאַווער סערגייעוו?

פֿונוואַנען האָבן זיך דאָס גענומען אַזויפֿיל מענטשן אַרום — אַז קאָ־מאַנדירן, אַז קאָמיסאַרן, אַז רויטאַרמײער, אַז אַ פֿעלדשער מיט אַ רענצל? און אַלע האָבן געטומלט און געשריִען עפּעס אַזוינס, וואָס מע האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין.

— דימקע! — האָט זיך זשיגאַן געײַלט צו דערציילן, פֿאַרכלינענדיק זיך פֿון שטאָלץ. — איך האָב באַוויזן צו דער צײַט... צוריק אָפּ אַ פֿערד געפֿלויגן... און אָט ערשט געשלאָגן זיך מיט די גרינע... אין סאַמע מיטן ברעגן... איינעם האָב איך אַזוי דערלאַנגט איבערן קאָפּ, אַז ער איז גלײַך אַראָפּגעפֿלויגן!..

— דו ליגסט, זשיגאַן! געוויס ליגסטו... דו האָסט דאָך אַפֿילו קיין שווערד ניט, — האָט דימקע געענטפֿערט און געלאַכט דורך די טרערן, וואָס האָבן נאָך ניט באַוויזן אויסצוטריקענען זיך.

א גאַנצנ טאָג איז פרײלעכ געװענ.

דימקע האָט זיכ ארומגעדרײט אומעטום. אונ אַלע קינדער האָבנ אָפ אים שטארק געקוקט אונ זײַנע גאַנצע כאָפּטעטשעװײַז געגאַנגענ זענ, װי עס האָט זיכ אויסבאַהאַלטנ דער אנטלאָפענער, אזוי אַז צו אָװנט-צו איז דאָס פטרוי' ארום דער נאָרע געװעג צעװאָרפנ אונ אײַנגעטראָטנ, װי דאָרטנ װאָלט דורכגעגאַנגענ א סטאַדע בעהײמעס.

װײַזט אויס, א גרויסער נאַטשאַלניק האָט געמוזט זײַנ דער געװעזע-נער געפײַנגענער, װײַל אים האָבנ געפּאָלגט אי די קאָמאַנדירנ אי די דויטארמײער.

ער האָט אָנגעשריבנ דימקענ פארשײדענע פּאַפּירלעכ אונ אָפ יעדנ פּאַפּירל אויפגעשטעלט א שטעמפּל, אַז עס זאָל ניט זײַנ קײנ שום אָפּהאַלט ניט פאר אים, ניט פאר זײַנ מוטער, ניט פאר טאָפּנ סאַמע ביז דער שטאָט פּעטראָגראַד.

אונ זשיגאַנ האָט זיכ ארומגעדרײט צװישנ די קריגער װי א רוען אונ האָט געזונגענ אזעלכע לידער, אַז עס איז גאָר ניט שײַעכ צו זאָגנ! די דויטארמײער האָבנ געלאַכט אונ האָבנ באַװוּנדערט זײַנ שטים.

— זשיגאַנ! אונ דו װוּ קלײַבסט זיכ איצט?

זשיגאַנ איז א װײַלע געבליבנ שטײנ, װי א לײַכטער שאָטנ האָט זיכ דורכגעטראָגנ איבער זײַנ קלײנ פּאָנעם; דערנאָכ האָט ער בראַװ א טרײסל געטאָנ מיטנ קאָפּ:

— איכ, ברודערל, הײַ-דאַ! איבער די סטאַנציעס, איבער די עשעלאָ-נענ! איכ האָב זיכ איצט אויסגעלערנט באַ זײ א נײַע ליד:

איכ לאַזאַרעט װעט די נאַכט באַלד צערינענ;
דער פרילינג די ערד האָט באַרירט.
אונ באַם װאַרעמענ שטראַל פונ באַגינענ
געשטאָרבנ איז דער קאָמאַנדיר...

א גר'ויסע ליד! איכ האָב זי אויסגעזונגענ — איכ טו א קוק: באַ דער אַלטער האָרפינגע קײַקלענ זיכ טרערנ. „װאָס װײנסטו, זאָג איכ, באַבעשי ?" — „ער איז דאָכ געשטאָרבנ!" — „ע, באַבעשי, דאָס איז דאָכ איג א ליד". — „אכ, — זאָגט זי, — װענ עס זאָל זײַנ נאָר איג א ליד! אונ װיפל זײַנענ

אינדערעמעסנ אויסגעשטאָרבנ". אָבער אינ די עשעלאָנענ, — האָט ער א שטאמפּל בעטאָנ, — געטרויענ ניט אייניקע פונ די כאחיירים. „פּארנעם זיכ, — זאָגנ זיי, — פּונדאנענ. עפּשער ביסטו א היצל אָדער א שלעפּער. וועסט נאָכ עפּעס צוגאנווענ:ענ". אָט ווענ מע גיט מיר אויכ א פּאפּירל...

— לאָמיר אים טאקע אָנשרײַבנ, — האָט עמעצער פאָרגעלייגט.

— אָנשרײַבנ, אָנשרײַבנ!

אונ מע האָט אים אָנגעשריבנ, אז „ער, זשיגאנ[illegible] קײנ היצל אונ ניט קײנ שלעפּער, נאָר אנ עלעמענט, וואָס האָט [illegible] באוויזנ זײַנ רעוואָליוציאָנערישקײַט", אונ דעריבער „דארפ מענ [illegible], זשיגאנענ, געבנ הילפ אינ זיינענ סאָוועטישע לירער אפ אלע סטאנציעס, צוגנ אונ עשעלאָנענ".

אונ א סאכ בעוורע האָבנ זיכ אונטערגעשריבנ אונטער יענצ פּאפּירל — א גאנצ האלב־זײַטל פּאפּיר פארנומענ אונ נאָכ אפ דער לינקער זײַט אויכ. אפילע דער געשכופלטער באנטיושקינ, דער, וואָס האָט זיכ ערשט יענע וואָכ אויסגעלערנט שרײַבנ, האָט אויכ אויסגעדראפּעט זײַנ פאמיליע ביזנ לעצטנ אָס.

אונ דערנאָכ האָט מענ עס אָפּגעטראָגנ צומ קאָמיסאר, ער זאָל אוועקלייגנ זײַנ שטעמפּל, דער קאָמיכאר האָט עס דורכגעלייענט.

— מע טאָר ניט, — זאָגט ער, — אפ אזא פּאפּירל לייגנ דעם פּאָלקשטעמפּל.

— פארוואָס טאָר מענ ניט? עס וועט דענ חייניקער ווערנ פונ אים, צי וואָס?

— שטעמפּלט אָפּ, זײַט אזוי גוט. דער יאט האָט זיכ דענ אומזיסט געסטארעט?

דער קאָמיכאר האָט א שמייכל געטאָנ.

— דאָס איז יענער, וואָס האָט סערגייעווו?

— ער, דער רועכ זאָל אים נעמענ.

— נו, אלט אויכנאמ... — אונ ער האָט אוועקגעשכעלט דעם שטעמפּל אפנ פּאפּירל.

טייקעט האָט זיכ באוויזנ אפנ פּאפּירל רספּסר, א סערפּ אונ א האַמער — א דאָקומענט.

און אַזאַ מינ אָוונט איז עס געווענ, וואָס די דאָרפ־לײַט האָבנ שוינ לאנג ניט געדענקט. וואָס זאָל איכ אײַכ זאָגנ, אז די שטערנ האָבנ געפינקלט, ווי מע וואָלט זיי אויסגעשײַערט מיט א ציגל? אָדער אז דער ווינט האָט דורכגעזאפט אלצ מיט א געדיכטנ זאפט פונ וועלקנדיקער גריקע. און אפ די גאסנ האָט זיכ געקערט די וועלט! אלע האָבנ זיכ ארויסגעשאָטנ אפנ גאס. עס האָבנ ווילעריש געלאכט די רויטארמייער, די מיידלעכ האָבנ הילכיק געקוויטשעט. און דער פעלדשער פרידאָראָזשני האָט זיכ אוועקגעזעצט אפ די מיטינגאָווע בערווענעס און געשפילט אפ א הארמאָניק פאר א גרופע מענטשנ, וואָס האָבנ אים ארומגערינגלט פונ אלע זײַטנ.

די נאכט איז צוגעפאלנ שטיל־שטיל; עס האָבנ זיכ אָנגעצונדנ פײַערלעכ אינ די צעוואָרפענע הײַזלעכ. די אלטע און די קינדער זײַנענ זיכ פאנאנדערגעגאנגענ איבער די הײַזער. אָבער איבער די געסלעכ, פארגאָסענע מיט לעוואָנע־שײַנ, האָט נאָכ לאנג געלאכט די יוגנט. און לאנג נאָכ האָט געשפילט דעמ פעלדשערס הארמאָניק, און עס האָבנ זיכ פארמאָסטנ מיט איר אינ פראכטפולע טרעלנ די נאכטיגאלנ פונעמ דערבײַיקנ קילבלעכנ וועלדל.

און אפ מאָרגנ איז דער אומבאקאנטער אוועקגעפאָרנ. זשיגאנ און דימקע האָבנ אים באגלייט ביזנ וויהאָנ. לעבנ דעמ אײַנגעבויגענעמ טויער האָט ער זיכ אָפגעשטעלט, עס האָט זיכ אָפגעשטעלט נאָכ אים אויכ דער גאנצער אָטריאד. און פאר אלע סאָלדאטנ אינ די אויגנ האָט דער אומבאקאנטער שטארק געדריקט די קינדער די הענט.

— ס'קאָנ זײַנ, מיר וועלנ זיכ ווענ־ניט־איז טרעפנ מיט דיר אינ פעטראָגראד, — האָט ער א זאָג געטאָנ, ווענדנדיק זיכ צו דימקע. — און דיכ.. — און ער האָט זיכ עפעס פארהאקט.

— עפשער, ערגעץ־ווו, — האָט זשיגאנ א זאָג געטאָנ ניט זיכער.

דער ווינט האָט קוים־קוים באוועגט די האָר אפ זײַנ פאטלאטנ קעפל. די דארינקע הענט האָבנ זיכ פעסט געהאלטנ אָנ דעמ פלויט, און זײַנע גרויסע, טיפע אויגנ האָבנ זיכ אײַנגעשניטנ טיפ אינ דער ווײַט.

אונ ווענ האָט זיכ נאָכ געזעענ דער אָטריאַד, ווי א קוים קענטיק פינטל. אָט האָט ער א פּלאַסקער געטאָנ אפנ לעצטנ בערגל לעבנ דעמ בוי-קאָלסקער סאָל... אונ איז פארשווונדנ. עס האָט זיכ אָפּגעזעצט דאָס וואָלקנדל שטויב, וואָס די טלאָען האָבנ אופגעהויבנ אפנ שפיצ פונעמ בערגל. עס האָט זיכ באוויזנ דורכנ שטויב א פעלד, פארזייט מיט גריקע, אונ אפנ פעלד איז מער קיינער ניט געווענ.

Редактор перевода—Б. Котик.
Техредактор—А. Фридкин.
Корректор—Л. Кенигсберг.
Сдано в набор 19|I-38 г.
Подписано к печати 15|II-38 г.
Ф. б. 60Х92 1/16 3 3/4 п. л. 3 3/4 уч .авт. л.
„Эмес“ №7 Уполн.-Главлита РСФСР
Б—39806 Тираж 3000 цена 1 р.

Тип. „Эмес“, Москва, Покровка, 9.
Заказ 89.

Цена 1 руб.

А. ГАЙДАР

Р В С

Издательство „Э[illegible]ест"
Москва 1938